פערלאג „פּראגרעס“, לאנדאן.

פּראפעסאר א. דארעל.

משה רבינו
אדער טשארל̃ס דארווין.

איבערזעצט פֿון דר. בראמבערג.

פּרייז [illegible] פּענס, 20 סענט, 40 קאָפּיקעס

אַרויסגעגעבען פֿון מ. ז

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
581

פֿערלאַג „פּראָגרעס", לאָנדאָן.

פּראָפּעסאָר א. דאָדעל.

משה רבינו
אָדער
טשארלס דארווין?

א שוהל פֿראַגע: וואָס זאָל מען לעהרנען, תורת משה אָדער נאַטורוויסענשאַפֿט?

איבערזעצט פֿון

ד"ר. בראמבערג

אַרויסגעגעבען פֿון
מ. זוסמאַן, 90 ניו רויד, ווייטשעפּעל, א.
לאָנדאָן, 1910

ברילס דרוקעריי, 8 טשאַרטש ליין ווייטשעפּעל, לאָנדאָן.

פארווארט.

מיר דענקען, אַז מיר טהוען אויף אַ וויכטיגע און נוצליכע אַרבייט, דערמיט וואָס מיר איבערזעצען אין יודיש דאָס בעריהמטע ווערק „מאָזעס (משה) אָדער דאַרווין" פון פראָפעסאָר אַרנאָלד דאָדעל, וועלכעס בעריהרט איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען אין דעם מאָדערנעם קולטור-לעבען פון דער מענשהייט. דאָס ווערק איז איבערזעצט געוואָרען כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען און ס'האָט, אין אַלע ציוויליזירטע טהיילען פון דער וועלט, ארויס גע-רופען דעם גרעסטען אינטערעס.

ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער עקזיסטירט די ברענענדע ער-ציהונגס פראַגע: וואָס זאָל מען לעהרנען די קינדער אין דיא עלע-מענטאַרע שוהלען, רעליגיאָן אָדער וויסענשאַפט? אין יעדער לאַנד איז פאַראַן אַ שטרעבונג און אין פיעלע לענדער זאָגאַר אַ מעכטיגע בעוועגונג, כדי דורכצופיהרען, דאָס מען זאָל די קינדער געבען בלויז אַ וועלטליכע בילדונג (סעקולאַר עדוקיישאָן), מען זאָל מיט זיי לעהרנען נאָר וויסענשאַפט און נים קיין רעליגיאָן.

ביי יודען האָט זיך נאָך גאָר נים געשטעלט די פראַגע: וואָס זאָל מען לעהרנען אין די חדרים און תלמוד תורה'ס. עס דוכט זיך אויס, אַז ס'וועט בלייבען אַלס אַנ'איבערגער כלל, דאָס אין די יודישע ערציהונגס אַנשטאַלטען דאַרף מען נאָר לעהרנען רעליגיאָן און נים קיין וויסענשאַפט. פאַר דעם פרייגעזאָנענעם יודען, וועלכער איז מיט דער רעליגיעזער ערציהונג נים איינפערשטאַנען, איז דער-פאַר אָפען אַ זעהר שעדליכע ברירה: ענטוועדער צו שיקען זיין קינד אין יודישען חדר, ס'זאָל דאָרט לעהרנען דאָס, וואָס איז נים

אין אָנקלאַנג מיט זיין געוויסען. אָדער ער זאָל עס גאר אין חדר ניט שיקען, דאָס מיינט גאָר קיין יודיש ניט לעהרנען, און דערמיט עס דערוויטערען פון זיין פאָלק. סאַי ווי ער וועט האַנדלען וועט זיין שלעכט.

די פראַגע, וואָס זאָל מען לעהרנען מיט די קינדער אין די חדרים און שוהלען וואָלט, שיינט מיר, צום נוצען פון יודישען פאָלק, בעראַפּט ערהויבען ווערען מיט דער זעלבער שאַרפקייט און ענטשלאָסענהייט, ווי זי איז ערהויבען ביי אַנדערע אומות העולם. אַלע פרייגעזינענע יודען דאַרפען ווירקען, אַז מען זאָל אין די יודישע ערציהונגס אַנשטאַלטען ניט לעהרנען גלייך אין אָנפאַנג תורת משה, זאָנדערן די וויסענשאַפט.

צו דיזען צוועק איז אַ איבערזעצונג פון פראָפעסאָר דארעל׳ס ווערק „משה אָדער דאַרווין", אַ נויטווענדיגקייט. אין דעם ווערק ווערט געצייגט קלאָהר און דייטליך, מיט דער ענטשלאָסענהייט און ערעלקיים פון אַ געלעהרטען, אַז די בעשאַפונגס געשיכטע פון תורת משה איז פול מיט טעות׳ן; זי העלפט ניט דערפאַר, אויסצוראָטען די נאַטירליכע אונוויסענהייט, מיט וועלכער יעדעס קינד ווערט געבוירען, זאָנדערן זי פערטיעפט נאָך דיזע אונוויסענהייט, זי ענטוויקעלט ביי זיי אַבערגלויבען און פאַלשע פאָרשטעלונגען וועגען דער וועלט און די מענשען.

צו לעהרנען מיט די קינדער וויסענשאַפט און ניט תורת משה הייסט אָבער בכלל ניט, דאָס מען זאָל די ביבעל אין גאַנצען ניט לעהרנען. דאָס מיינט ניט אַרנאָלד דארעל און דאָס מיינט קיין דענקענדער מענש ניט. אפילו פאַר דעם פרייגעזאָנענעם מענשען, און איבערהויפט יודען, האָט די תורה אַ בעדייטונג אַלס אַ קלאַסיש ווערק פון גרויסען ליטעראַרישען און געשיכטליכען ווערטה, וועלכעס מען מעג און מען דאַרף לעזען און זאָגאַר שטודירען, אָבער...

דער רמב״ם האָט נאָך אָנגעצייגט, אַז די מעשיות פון דער תורה וועגען דער בעשאַפונג פון דער וועלט דאַרפען ניט פערטייטשט ווערען וואָרטליך, נאָר מען דאַרף זיי ערקלעהרען אַלס אַלעגאָריען, אַלס זינונגס בילדער, מחמת זיי ענטהאַלטען ניט קיין ווירקליכע פאַקטען, זאָנדערן נאָר רמזים פון אַזעלכע פאַקטען אָבער כדי אַזוי

צו פֿערשטעהן די תורה מוז מען שוין פֿיעלעס וויסען, מוז מען שוין זיין פֿעהיג זעלבסטשטענדיג צו דענקען. אַ קינד ווייסט גאָר ניט אַחוץ דאָס וואָס מען לעהרענט עס און ס׳גלויבט אַלעס וואָס מען זאָגט עס, אָהנע צו דענקען דריבער. די תורה דאַרף דערפֿאַר גע־לעהרענט ווערען צו דערוואַקסענע מענשען און ניט צו קיין קינדער. די קינדער דאַרף מען לעהרנען וויסענשאַפֿט, דאָס זיי זאָלען וויסען דעם אמת און זיי זאָלען זיין פֿעהיג צו דענקען און פֿערשטעהן. זיי וועלען דאַן די תורה ניט פֿערגעטערען אַלס אַ הייליגע שריפֿט, זיי וועלען זי אָבער שעצען, און אַכטען אַלס אַ נאַציאָנאַלעס קולטור־ווערק.

איך וויל נאָך ערקלעהרען, אַז אין דער אָבהאַנדלונג, וואָס מיר וועצען דאָ איבער, ווערט נאָר בעהאַנדעלט די פֿראַגע: רעליגיאָן אָדער וויסענשאַפֿט? און עס ווערען אָנגעצייגט די טעות׳ן פֿון דער רעליגיאָן. איבער די בעווייזע, אַז די וויסענשאַפֿט איז ריכטיג, האָט פראָפֿעסאָר דאדעל געשריבען אַ צווייטע אָבהאַנדלונג, וועלכע וועט האָפֿענטליך מיט דער צייט אויך ערשיינען אין יודיש.

ד ע ר א י ב ע ר ז ע צ ע ר.

משה אדער דארווין?

איינע פון די וויכטיגסטע און בעדייטענדסטע ערשיינונגען אין אונזער פיעל בעוועגטער צייט, וואס רופט ארויס און וועט ארויס־רופען דאס נאכדענקען פון אלע מענשען־פריינד, איז דער בעדייטענד־גרויסער, אינערליכער ווידערשפרוך, וועלכער איז פאראן אין אונזער ערציהונג און שוהל סיסטעמע, אט יענער אונפערמיידליכער געגענזאץ אין דעם גייסטיגען לעבען פון דער קולטור מענשהייט, וועלכער דריקט זיך אם בעסטען אויס אין דער פראגע: „משה אדער דארווין?"

עס איז דער ווידערשפרוך און דער געגענזאץ צווישען דער פאלקס־ערציהונג און פאלקס שוהלע אויף איין זייט און די וויסענשאפט און איהרע שוהלען אויף דער צווייטער זייט.

דער געגענזאץ איז אהן א שום ספק פאראן, ער עקזיסטירט שוין זינט א לענגערע צייט און איז זינט איבער א האלבען יאהרהונדערט אנערקענט פון אלע בעדייטענדע אויטאריטעטען אלס א גרויסער און שעדליכער ווידערשפרוך, ער איז אבער נאך ניט בעקעמפפט געווארען מיט ערפאלג.

ס'וויל גאר קיין סוף ניט נעהמען צו דעם געגענזאץ צווישען גלויבען און וויסען, פארקעהרט דער תהום צווישען זיי ווערט אלץ טיעפער, דיא פערווירונג ווערט אלץ גרעסער צום שאדען פון דער מענשהייטס פארטשריט.

ס'איז דערפאר די פפליכט פון יעדען דענקענדען מענשען זיך ערענסט צו בעשעפטיגען מיט דיזען געגענזאץ, צו בעטראכטען

דעם איבעל פֿון אַלע זייטען, קלאָהר בעוואוסט צו ווערען אויף דעם, אין וואָס ס׳בעשטעהט זיין שעדליכקייט, און נאָכצודענקען איבער די מיטלען און וועגען, ווי איהם אָבצושאַפֿען מחמת ער איז די געפֿעהרליכסטע קראַנקהייט פֿון אונזער צייט.

אויב מיר ווילען פֿערשטעהן דעם עצם און די בעדייטונג פֿון דיזען געגענזאַץ מוזען מיר זיך בעקענען מיט זיין געשיכטע. מיר מוזען זיך טיעף אַראָבלאָזען אין דער הייל פֿון דער פֿערגאַנגענהייט, כדי אויסצוזוכען דעם אורשפּרונג פֿון דעם ווירערשפּרוך.

צוויי גרינדליך פֿערשיעדענע וועלט אַנשויאונגען שטעהן היינט צו טאָג איינע נעגען די צווייטע אין אַלע ציוויליזירטע טהיילען פֿון דער גאַנצער בעוואָהנטער ערד:

אויף איין זייט די מאָזאַאישע (פֿון משה׳ן געגעבענע) אויפֿפֿאַסונג פֿון דער וועלט בעשאַפֿונג, וועלכע איז איבער דריי טויזענד יאָהר געלעהרענט געוואָרען פֿון יודישע און נאַכהער אויך פֿון קריסטליכע כלי קודש, און וועלכע איז אָנגענעבען געוואָרען אַלס אַ געטליכע ענטפּלעקונג (התגלות אלהים).

און אויף דער צווייטער זייט די נאַטורוויסענשאַפֿטליכע לעהרע פֿון דער שטופֿענווייזער, לאַנגזאַמער ענטוויקלונג פֿון די געגענשטענדע, די לעהרע וועלכע ערקלעהרט, אַז די ווייטערע ענטוויקלונג פֿון דער לעבעדיגער וועלט איז נאָר מעגליך דורך דער טהעטיגקייט פֿון די נאַטור קרעפֿטען. דיזע לעהרע האָט ערשט, דורך דאַרווין׳ס ווערק, זיעגרייך אייננעדרונגען אין דער וועלט פֿון פֿאָרשונג, אַ הויפּט טייל איהרער איז די אָבשטאַמונגס לעהרע.

מיר פֿאַנגען אָן אונזערע בעטראַכטונגען מיט דעם „געטליכען מאַן" (איש אלהים). וועלכען קיינער קען ניט אָבלייקענען זיין וועלט-געשיכטליכע בעדייטונג.

משה און זיין לעהרע.

מיט לערך 3500 יאָהר צוריק — אַזוי דערצעהלט די אָנגע־נומענע „וועלט געשיכטע" — האָט געשמאַכטעט דאָס סעמיטישע פאָלק, דיא יודען, אונטער דעם שקלאַפען-יאָך אין מצרים. טראָץ דער גרויסער אונטערדריקונג, וואָס דאָס אינטעליגענטע פאָלק האָט געליטען אונטער דער הייסער אַפריקאַנישער זונן, האָט זיך עס זעהר שנעל פערמעהרט. זיין נאַהרונג איז הפנים ניט געוועזן קיין שלעכטע, מחמת שפעטער, נאָך דעם וואָס ס'איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם נילוס לאַנד, האָט עס געבענקט נאָך די טעפ פלייש פון מצרים; דורך דעם שרעקליכען הונגער האָט עס פערגעסען די גרויזאַמקייט פון דער שווערער שקלאַפען-אַרבייט. די שנעלע פערמעהרונג פון די אונטערדריקטע גרים איז ניט געוועזן קיין צופעליגע ערשיינונג, דאָס זעלבע האָט זיך איבערגע'חזר'ט, זינט יענער צייט, אין אלע יאָהרהונדערטע און כמעט ביי אַלע פעלקער: דאָס אַרבייטענדע, געדריקטע, אין שקלאַפעריי-שמאַכטענדעס פאָלק איז אין דער רעגעל פרוכטבאַר. די אַלמעכטיגע נאַטור מאַכט דערמיט ווידער גוט, דאָס, וואָס די אויסגעלאַסענקייט, לייכטזיניגקייט און אוננאַטירליכקייט פון די העכערע קלאַסען פערדאַרבען.

אַזוי ווי די בני ישראל האָבען זיך אין מצרים וואָס ווייטער אַלץ שנעלער און שנעלער פערמעהרט, האָבען זיך די קעניגע פון דעם נילוס-לאַנד אָנגעפאַנגען שרעקען פאַר דער שטענדיגער פער־גרעסערונג אין צאָהל פון דיא אָרימע און פעראַכטעטע. די פרעות האָבען מורא געהאַט, דאָס אין פאַל פון אַ מלחמה מיט די אַרו־מיגע פעלקער, וועט אויפשטעהען געגען די מצרים, אוים זייערע אייגענע פערשקלאַפטע אַרבייטער-רייהען, אַ מיטהעלפער פון זייערע שונאים. איינער פון די פרעות האָט דערפאַר געגעבען אַ בעפעהל, דאָס מען זאָל אַלע נייגעבאָרענע יודישע זכרים אַריינוואַרפען אין וואַסער.

אַ יודישע מוטער, מיט דעם נאָמען יוכבד, איז זעהר שווער געווען אויסצופיהרען דעם קעניגליכען בעפעהל. זי האָט איהר לעצט־געבוירענעם זוהן פערבאָרגען דריי מאָנאַטען צייט, ביז זי האָט איהם ניט מעהר געקענט בעהאַלטען, דורך זיין קרעפטיג געוואָרענער שטימע, און ער איז געווען אין דער סכנה ענטדעקט צו ווערען. זי האָט דורך דעם אויסגעפלאָכטען אַ קליין קאָרבעל פון שוואַמיגען טראסטניק, אין וועלכען זיא האָט אויסגעבעט פאַר איהר ליבלינג, כדי איהם אַוועקצוטראָגען צו דעם פייכטען ברעג פון דעם מוטנעם טייך נילוס. דאָרטען איז דער קינד איבערגעלאָזען געוואָרען אין דעם שווימענדען קאָרבעל צווישען דיא בוימלאַך פון נעבען דעם טייך און זיין שוועסטער מרים איז נעבליבען שטעהן פון וויטען, כדי צו זעהן, וואָס ס׳וועט מיט איהם געשעהען.

באַלד, נאָך דעם, איז ערשיענען אויף דעם זעלבען פּלאַץ, כדי זיך דאָרטען צו באָדען פרעה׳ס טאָכטער — נאָך דעם היס־טאָריקער יוספוּס האָט זיא געהייסען: טהערמוטיס *) זיא האָט ענט־דעקט צו דער רעכטער צייט דאָס שעהנע טראַסטניק קאָרבעל, האָט געהייסען עס צובריינגען און עפענען. דאָס אויסזעהען פון דעם געזונדען קינד, וועלכער האָט אין זיין פערלאָזענהייט געוויינט, האָט אָנגעפילט מיט רחמנות דאָס האַרץ פון פרעה׳ס טאָכטער. די חיטרע און פאָרזיכטינע מרים איז אויך תיכף צוגעקומען, כדי אָנצובאָטען דער פרינצעסין, אַז זי זאָל ברייננען צו איהם אַנ׳אַם. זיא האָט געבראַכט אַלס אַם די איינענע מוטער, און מען האָט איהר איבערגעגעבען דאָס געפונענע קינד. טהערמוטיס האָט דעם יונגעל צוגענומען פאַר איהר אייגענעם און זי האָט איהם אַ נאָמען געגעבען משה, מחמת זי האָט איהם אַרויסגעצויגען פון׳ם וואַסער (כי מן המים משיתיהו).

---

*) איבער דעם נאָמען פון דער לעגענדאַרער פרעה׳ס טאָכטער זיינען דאָ פערשידענע בעהויפטונגען. נאָך איין לעגענדע האָט משה׳ס רעטערין ניט געהייסען טהערמוטיס זאָנדערן מעררים און נאָך אַ דריטע לעגענדע האָט זי געהייסען בתיה.

איבער משה'ס קינדער יאָהרען איז ניט בעקאַנט קיין שום זיכערע זאַך. לויט דער טראַדיציאָן, נאָך וועלכער יוספוס שטיצט זיך האָט דער אינגעל געטווזט זיין אויסערגעוועהנליך שעהן (בעריהמטע פאָרשער ערקלעהרען אָבער, אַז די בעהויפּטונג פון דעם אַלטען יוספוס איז ניט מעהר ווי אַ פאַנטאַזיע). יוספוס בעהויפטעט נאָך, אַז די פרינצעסין טהערמוטים האָט געשטעלט גייסטליכע איהם לעהרנען אַלע מצרי'שע חכמות. זיא האָט איהם אויך געשטיצט בעשיצט פאַר דעם קעניג, ווען די גייסטליכע האָבען דערצעהלט איהר פאָטער, אַז ס'וועט דורך איהם אַרויסקומען שלעכטעס פאַר דעם לאַנד און דערפאַר דאַרפען די מצרים זוכען פטור צו ווערען פון דעם אינטעליגענטען און ענערגישען גר. אין אַ טאָג האָט משה זיך געשפּיעלט מיט דעם קעניגס קרוין, זי אַנידער געוואָרפען צו דער ערד און געטרעטען מיט די פיס ווער ס'האַנדעלט אַזוי קען ניט בעטראַכט ווערען פאַר א דאנקבאַר צוגענומען איינקעל און ער ערוועקט דורך דעם אַ חשד און אַ מורא פאַר דער צוקונפט די גייסטליכע, וועלכע האָבען דאָס מיטגעטהיילט דעם קעניג האָבען אָבער גאָר ניט געקענט אויספיהרען, מחמת די פרינצעסין האָט משה'ן בעשיצט און ער איז ווייטער געלעהרענט אין ערצויגען געוואָרען אין קעניגליכען הויף.

לויט דער שריפטליכער איבערליפערונג פון מאנעטהאָ *) איז משה געוועזען אַ צייט לאַנג כהן אין העליאָפאָליס **) יוספוס בעהויפטעט, דאָס ווען משה איז גרויס געוואָרען האָט ער געפיהרט אַ מצרי'שע אַרמעע געגען די עטהיאָפיער ***), וועלכע האָבען ערקלעהרט מלחמה צו מצרים. ער האָט בעזיעגט דעם שונא און איהם

*) מאַנעטהאָ, אַ גריכיש-עגיפּטישער היסטאָריקער, האָט געשריבען אַ געשיכטע מיט 271 יאָהר בעפאָר דער קריסטליכער צייט רעכנונג. דיזע געשיכטע האָט אַ געוויסע בעדייטונג פאַר יודען.

**) העליאָפאָליס, אַ שטאָדט אין מצרים בעקאַנט אין אַלטערטהום ביי יודען אונטער דעם נאָמען און.

***) עטהיאָפיער, אַ פאָלק פון אַראַביען. אין דער ביבעל ווערען זייא דערמאָהנט אַלס די בני כוש.

נאָכגעיאָגט ביז דער שטאָדט שבא, וועלכע ער האָט בעלאַגערט. דאַן איז געשעהען דאָס וואָס איז מענשליך: טהאַרביס די טאָכטער פון דעם קעניג פון די עטהיאָפּיער האָט זיך פערליעבט אין משה'ן; זי האָט איהם פאָרגעשלאָגען, דאָס ער זאָל זי מאַכען פאַר זיין ווייב, און האָט איהם איבערגעגעבען די בעלאַגערטע שטאָדט. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער פרינצעסין און האָט צוריקגעפיהרט די מצרי'שע אַרמעע זיעגרייך אין דעם צפון טהייל פון דעם נילוס לאַנד. אָט אַזוי פיעל דערצעהלט אונז דער ראָמאַנטישער בעריכט איבער דער יוגענד און ענטוויקלונג פון'ם בעגרינדער פון דער יודישער רעליגיאָן.

פון דער ביבלישער געשיכטע ערפאַהרט מען אויך, אז משה האָט געמוזט אַנטלויפען אין דער מדבר פון אַראַביען, מחמת ער האָט דערהרג'ט אַ מצרי; ס'איז גוט בעקאַנט די טראַדיציאָן, אַז משה האָט זיך אויפגעהאַלטען ביי יתרו, דער כהן פון מדין, וועל־כער האָט געהאַט זיבען טעכטער; איינע פון זיי, צפרה, האָט משה בעקומען פאַר אַ ווייב. יאָהרען לאנג — אַזוי דערצעהלט די אי־בערגעגעבענע געשיכטע — האָט ער געהיט די סטאַדעס שעפסען פון זיין שווער יתרו. דאָרט האָט ער צייט געהאַט נאָכצודענקען איבער דעם טרויעריגען שיקזאַל פון זיינע יודישע אָבשטאַמונגס־ברידער אין מצרים, פון וואַנען ער האָט אויך ערהאַלטען ידיעות, אַז די לאַגע האָט זיך ניט פערבעסערט, נאָר פערקעהרט די ליידען און דיא אונטערדריקונג האָבען זיך נאָך פערגרעסערט.

אין דער לאַנגער צייט איז ביי משה'ן רייף געוואָרען דער פלאַן אַרויסצוגעהמען, אין נאָמען פון דעם גאָט פון די אָבות, אַברהם, יצחק ויעקב, דאָס יודישע פאָלק פון מצרים. צוזאַמען מיט זיין ברודער אַהרן האָט ער זיך צוריק געקעהרט אין דעם לאַנד, פון וועלכען ער איז אַנטלאָפען און אין וועלכען עס האָט שוין געהערשט, זינט לאַנג, אַנ'אַנדערער קעניג. משה איז צו דער צייט שוין אַלט געוועזן 80 יאָהר. מאַכענדיג געוויסע קונצען, בעווייזענדיג וואונדער, וועלכע די מצרי'שע חכמים האָבען נאָר טהיילווייז גע־קאָנט נאָכמאַכען, האָט עס די ברידער געלונגען צו ערוועקען אַ

מורא ביי דעם מצרי'שען קעניג און אויף איהם צוווירקען, דאָס ער זאָל אַרויסלאָזען די יודען. ווער קען ניט אָט די אַלע רייצענדע ערצעהלונגען און וואונדער געשיכטען פון יציאת מצרים, וועלכע פערהערליכען משה'ס ווערק אַלס אַ קונסטפאָלע העלדען געדיכט.

אין דער ווירקליכקייט איז די געשיכטע פון דער בעפרייאונג פון די יודען אויס דער שקלאַפעריי פון מצרים טאַקי אַ אָריענטאַליש העלדען-געדיכט, אויסגעפוצט מיט דעם גאַנצען צויבער פון אַ פּאָעטיש שאַפענדער פאַנטאַזיע, מיט וועלכען עס פרייהען זיך אַפילו די, וועלכע גלויבען ניט אָט דאָס אַלעס, וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרען מיט ערעלע פינגער אין תורת משה.

אונזער הויפט אינטערעס קאָנצענטרירט זיך אָבער ניט אויף דאָס אויסערליכע. ניט אויף די פאָרמען פון די וואונדער ערצעהלונגען וועגען יציאת מצרים און וועגען דער אויפהאַלטונג פון די יודען אין דער מדבר, זאָנדערן אויף דער ושעניאַלער געזעצגעבונג פון משה'ן און איבערהויפט אויף זיין בעדייטונג אַלס שריפטשטעלער, אַלס ערצעהלער פון דער בעשאַפונגס געשיכטע.

לויט דער תלמודישער בעהויפטונג שטאַמען די פינף ביכער, וועלכע שטעלען צוזאַמען די תורה, און וועלכע זיינען געוואָרען דער כבוד און שמאָלץ פון דעם יודישען פאָלק, פון משה'ן אַליין. די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג און די העכערע קריטיק פון די געלעהרטע ביבעל-ערקלעהרער האָבען אָבער אונטערגעגראָבען דעם גלויבען אין דער אָריגינאַליטעט פון תורת משה. נאָך מיט איבער הונדערט יאָהר צוריק האָט זיך צופלאַמט אונטער די טהעאָלאָגען (רעליגיאָנס געלעהרטע) אַ לאַנגער, און אין געוויסע הינזיכטען, אַ ליידענשאַפטליכער קאַמפף איבער דער פראַגע: צו שטאַמט די תורה פון משה'ן אָדער ניט? דער קאַמפף האט זיך נאָך ביז היינט צו טאָג ניט פאָלשטענדיג געענדיגט, כאָטש עס זיינען נאָך דאָ וועניגע טהעאָלאָגען, וועלכע האַלטען די תורה אָריג נעל און גלויבען אין אַלעס, וואָס שטעהט אין איהר. אפילו זעהר צוריק געהאַלטענע, העכסט קאָנסערוואַטיווע און דורכאויס רעליגיעזע געלעהרטע האָבען נעמוזט צוגעבען — מיט בעדויערען אַפילו — אַז די אַלע בעריכ-

טען, וועלכע מען שרייבט צו צו משה'ן זיינען ניט אין אַלע טהיילען אמת און ריין פון סאי וועלכען טעות. די גרעסטע צאָהל ביבעל פאַרשער זיינען היינט צו טאָג פעסט איבערצייגט, אז משה האָט ניט פערפאַסט די גאַנצע תורה, זאָנדערן די תורה האָט מעהרערע העברעאישע פערפאַסער אַלס איהרע שאַפער. נאַר אויף אזאַ אופן קענען מיר פאַרשטעהן פון וואַנען עס נעהמען זיך די פיעלע כראָ־נאָלאָגישע אונמעגליכקייטען אין ווידערשפרוכען, דאָס פיעלע מאָל איבער'חזר'ן אין אַנדערע ויערטער די זעלבע בעריכטען איבער די זעלבע בעגעבענהייטען, און די פערשיעדענע נעמען, מיט וועלכע גאָט ווערט גערופען אין דער תורה; נאַר אויף אַזא אופן קענען מיר פאַרשטעהן פון וואַנען עס נעהמען זיך אין דער תורה די פערשיע־דענע סטיל פאָרמען און די אָפטע ענדערונגען אין סטיל. ס'איז אויך כדאי צו גערענקען, אַז די תורה איז געשריבען אין אַזאַ הע־ברעאיש, ווי מען האָט גערעדט מיט טויזענד יאָהר נאָך משה'ס טויט, און ס'איז זיך זעהר שווער פאָרצושטעלען, אַז די שפראך זאָל זיך גאָר ניט האָבען געענדערט אין פערלויף פון גאַנצע טויזענד יאָהר.

פאַר די ביבעל־קריטיקער, וועלכע זיינען פריי פון פאָראור־טהיילע און פאַר די קענער פון דעם אָריענטאַלישען אַלטערטהום איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז צושרייבען דאָס ספר בראשית צו משה'ן וועט קיינער ניט, אַחוץ די, וועלכע זיינען אַבסאָלוטע שקלאפען פון דער טראַדיציאָן. דאָס ערשטע און דאָס צווייטע קאַ־פיטעל פון דעם ספר בראשית ענטהאַלטען צוויי פערשיעדענע אויפ־פאַסונגען וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט. דאָס ערשטע קאַפיטעל, מיט וועלכען מיר וועלען זיך באַלד אויספיהרליכער בע־שעפטיגען שטאַמט פון אַ עלאָהיסט, פון אַזעלכען, וועלכער רופט דעם שאַפער פון דער וועלט אלהים, ווערענד דאָס צווייטע קאַ־פיטעל, וועלכעס איז זאָגאַר אין ווידערשפרוך מיט דעם אינהאַלט פון דעם ערשטען, איז פערפאַסט פון אַ יאהאָוויסט, פון איינעם, וועלכער רופט דאָס העכסטע וועזען מיט דעם נאָמען יהוה. מיט די צוויי אויסדריקע „עלאָהיסט" און „יאהאָוויסט" בעצייכענט די ביבעל

קריטיק די צוויי הויפט קוועלען, פון וועלכע די תורה איז ארויס־געפלאָסען. ביידע קוועלען קענען נאָכגעפאָלגט ווערען ביז אין דעם 9-טען יאָהרהונדערט בעפאָר דער קריסטליכער צייט רעכנונג.

אַזוי לעהרנען די מעהר געלעהרטע פראָפעסאָרען וויערע טהעאָלאָגישע תלמידים. אָבער אין די פאָלקס שוהלען פון כמעט אלע קריסטליכע לענדער לעהרענט מען מיט די קינדער, אַז דער אינהאַלט פון דער תורה איז די ענטפלעקונג פון גאָט אַליין, ביי וועלכען משה איז אייגענטליך נאָר געווען אַ פריוואַט-סעקרעטער, וועלכער האָט געשריבען נאָר דאָס, וואָס דער העכסטער פּערפאַסער, דער יודישער יהוה-אלהים האָט איהם געהייסען. אויב מיר נעהמען אָן, אַז די הייליגע שריפטען זיינען געגעבען געוואָרען פון גאָט אַליין, אַז זיי זיינען פון איהם דיקטירט געוואָרען, דאַן קען אונז גאַנץ גלייכגילטיג זיין צו משה אַליין אָדער מעהרערע אַנדערע העברעאישע שריפטשטעלער האָבען זיי אויפגעשריבען.

אַזוי לאַנג מען לעהרענט אין די שוהלען, אַז די הייליגע שריפטען ענטהאַלטען גאָטס ווערטער, האָבען מיר די יעניגע, וועלכע האָבען אויסגעפונען די טעות'ן פון דער תורה, אַ פפליכט צו בעקעמפפען „משה'ן" מיט אַלע וואַפען פון דער וויסענשאַפט און פון דעם שכל.

מיר וועלען נאָכפאָלגען דאָס, וואָס די שוהלען און די קירכען האָבען געלעהרענט זינט יאָהרהונדערטע און מיר וועלען זעהן צו דאָס איז אין אָנקלאַנג מיט דעם אמת אָדער ניט.

ווען מיר שרייבען פון „משה'ן" פערשטעהן מיר אונטער דעם נאָמען גאָטס קנעכט, אָהנע אונטערשיעד צו ער איז געווען איין איינציגער מענש, ווי די ביבעל וויל, צו ס'איז געווען אַ גרופע פון איניגע מענשען, ווי די געלעהרטע ביבעל קריטיקער און די טהעאָלאָגיע וויל.

משה איז, דורך דער געזעצגעבונג, וואָס איז איהם צוגעשריבען געוואָרען און דורך זיין לעהרע וועגען דער וועלט בעשאַפונג, אַ גריגדער פון אַ רעליגיאָן.

אַלע וויכטיגע גרינדער פֿון רעליגיאָנען בעזיצען געוויסע כאַראַקטערציגע, וועלכע מאַכען זיי עהנליך איינער צום צווייטען: זיי זיינען טיעפֿע דענקער, הויכבעגאַבטע פֿילאָזאָפֿישע נאַטורען, קענער פֿון די מענשליכע שוואַכקייטען און טוגענדען, און אַם מיינסטענס בעזיצען זיי די פֿאָלקאָמסטע בילדונג פֿון זייער צייט.

אייך משה איז געווען אַ ריעזען גייסט. ער האָט געמוזט זיין אַ אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג, אַפֿילו אין זיין אויסערליכען אויסזעהן, פֿילייכט איז ער ווירקליך געווען אַזאַ פֿיגור ווי מיכעל אַנגעלאָ *) האָט איהם פֿערקערפערט אין זיין „משה".

מחמת ער האָט בעזעסען די גאַנצע חכמה פֿון מצרים און פֿון אַנדערע מזרח לענדער — די עגיפּטישע כהנים, וועלכע זיינען געווען צו דער זעלבער צייט אַרצטע, כשוף-מאַכער, פֿילאָזאָפֿען און פּראָפֿעסאָרען האָבען מיט איהם געלעהרענט — איז משה געווען אים שטאַנד צו שאַפֿען, נאָך דעם וואָס זיין פֿאָלק איז בעפֿרייעט געוואָרען פֿון דער קנעכטשאַפֿט פֿון מצרים, דעם גרונד פֿון אַ גלויבען, וואָס האָט זיין בעדייטוּנג אויפֿגעהאַלטען דורך יאָהר טויזענדע אין דער מענשליכער געשיכטע.

ווי ס'איז בעוואוסט האָט משה בעקאַנט געמאַכט דער וועלט דעם איינציגען גאָט: יהוה אלהים. ער איז אַ מאָנאָטהעאיסט (גלויבער אין אייז גאָט). אָט דיזער איינציגער גאָט, וועלכער האָט אויסערוועהלט דאָס פֿאָלק ישראל, איז דורכאויס אַ ספּעציפֿיש יודישער גאָט, וועלכער בעזיצט אַלע מענשליכע טוגענדען און ליידענשאַפֿטען, וואָס זיינען דעמאָלט אַנערקענט געוואָרען. ער איז די איינקערפּערונג פֿון דעם דעמאָלטיגען, נאָך גענוג פּרימיטיווען, העברעאישען בעגריף פֿון גאָט: ער איז שטאַרק, מעכטיג אייפֿערזיכטיג, בייז, אונ'רחמנות'דיג געגען זיינע געגנער, גרויזאַם געגען זיינע שונאים, ציניש און שפּאָטיש געגען די, וועלכע זיינען שוואַכער פֿון איהם און שטעלען זיך איהם דאָך ראַגעגען; ער זוכט די

*) מיכעל אַנגעלאָ, אַ וועלט בעריהמטער איטאַליענישער מאַהלער און סקולפּטאָר (1475—1564). ער האָט געשאַפֿען אַ סטאַטוע „משה", וואָס האָט אַ זעהר גרויסען קינסטלערישען ווערטה.

זינד פון די פּאַטערס ביי די קינדער ביז אין דריטען און פיערטען דור. דאָס איז אַזאַ איינגענשאַפט, וואָס מען קען צושרייבען נאָר צו אַזעלכע מענשען, וועלכע שטעהען אויף דער נידעריגסטער שטופּע פון באַרבאַריי.

דיזער איינציגער אַלמעכטיגער גאָט האָט, לויט ווי די ביבעל דערצעהלט, בעשאַפען די גאַנצע וועלט פון גאָר ניט און בלויז דורך דעם איינעם וואָרט „יהי" (עס זאָל ווערען).

דאָס האָבען די יודען פון משה'ן ביז היינט צו טאָג, שוין איבער 3000 יאָהר, און די קריסטען לערך 1900 יאָהר, געגלויבט און געלעהרענט.

משה'ס בעשאַפונגס געשיכטע איז אונז אַלע געלעהרענט געוואָרען אַלס דער ענטפּלעקטער אמת אַליין און זי ווערט נאָך איצט אַלץ אַזוי געלעהרענט אין אַלע פאָלקס שוהלען פון דער ציוויליזירטער וועלט, אין אויסנאַהמע פון פראַנקרייך און איטאַליען.

די בעשאַפונגס געשיכטע — ווי זי ווערט אונז אין דער ביבעל געשילדערט איז ווי אַ מעשה, ווי אַ דיכטונג פול מיט אָריענטאַ-לישער שעהנקייט — אָבער טאַקי נאָר אַ מעשה, נאָר אַ דיכטונג. זי ענטשפרעכט די בילדונג פון דער צייט, אין וועלכער זי איז געשאַפען געוואָרען, און איז בלויז אַ פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונג, וועלכע קען ניט גענענשטעהען דער קריטיק פון דער נאַטור-וויסענשאַפט און וועלכע קען נאָר ניט געגלויבט ווערען; זי איז אַזאַ אויפפאַסונג פון דער וועלט בעשאַפונג, וואָס שטעהט אין שאַרפ-סטען ווידערשפרוך צו דער וויסענשאַפט פון אונזער צייט.

דעמאָלט ווען משה האָט די בעשאַפונגס געשיכטע געשריבען האָט ער געוויס קיין פּרעטענציע ניט געהאַט, אַז זיין שילדערונג וועט אָנגענומען ווערען אַלס דיא איינציגע גליקליך-מאַכענדע לעהרע, וואָס וועט געגלויבט ווערען יאָהרטויזענדע לאַנג אין אַלע טהיילען פון דער וועלט. די אידען און נאַכהער די קריסטען זיינען אָבער געוואָרען מעהר מאָזאַאיש (משה'ש), ווי משה אַליין און אַזוי שטעהען מיר אין דער מאָדערנער ציוויליזירטער צייט אויף דעם זעלבען פלאַץ ווי אין די אלטע צייטען, ווי גלייך מיר וואָלטען זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט.

לויט דער געשיכטע, וואָס דער בעגרינדער פֿון דער אידישער רעליגיאָן דערצעהלט, איז די גאַנצע וועלט בעשאַפֿען געוואָרען אין זעקס טעג. לאָמיר דיזע געשיכטע גענויער בעטראַכטען.

דער ערשטער זאַץ אין דעם ערשטען קאַפּיטעל פֿון ספֿר בראשית לויטעט:

„בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ — אין אָנפֿאַנג האָט גאָט בעשאַפֿען דעם הימעל און די ערד".

דער נאַטור פֿאָרשער פֿון אונזער צייט וועט זאָגען: די וועלט („הימעל און ערד", ווי משה רופֿט עס) האָט ניט קיין אָנפֿאַנג און ניט קיין סוף, זי איז אין צייט און רוים אונענדליך. פֿון גאָר ניט ענטשטעהט גאָר ניט און דאָס וואָס איז פֿאַראַן קען ניט פֿערשווינדען ווערען אין גאָר ניט, ס'מוז עפּעס דערפֿון ווערען. די וועלט איז אייביג געוועזען און וועט אייביג זיין. דאָס ווערט איבערגעצייגט דורך דאָס פֿיזיקאַלישע געזעץ פֿון דער ערהאַלטונגס קראַפֿט, מיט וועלכען מען קען זיך גענוי בעקענען אין יעדען נייעם בוך פֿון פֿיזיק אָדער כעמיע

פֿון זאַץ 2 ביז זאַץ 5 פֿון דעם זעלבען קאַפּיטעל אין דעם זעלבען ספֿר (בראשית) ווערט דערצעהלט:

„און די ערד איז געוועזען וויסט און פּוסט, און ס'איז געוועזען פינסטער אויף דעם תהום, און דער גייסט פון גאָט האָט גע־שוועבט אויף דעם וואַסער און גאָט האָט געזאָגט: ס'זאָל ווערען ליכט (יהי אור), און ס'איז געוואָרען ליכט. און גאָט האָט גע־זעהן, אַז דאָס ליכט איז גוט, האָט גאָט אָבגעשיידט דאָס ליכט פֿון דער פֿינסטערניש, און גאָט האָט גערופֿען: דאָס ליכט — טאָג, און די פֿינסטערניש — נאַכט, און ס'איז געוועזען אַבענד און פֿריה מאָרגען פֿון דעם ערשטען טאָג".

געגען דעם איז דאָ צו בעמערקען, אַז די נאַטור וויסענשאַפֿט קען ניט קיין אַנדערע ליכט, ווי דאָס וואָס געהט אַרויס פֿון אַ לייב־טענדען קערפּער, זאָל עס זיין, אַז דאָס איז די אייגענע ליכט פֿון דעם קערפּער גופֿא, אָדער ס'איז בלויז די ליכט וואָס ער רע־פֿלעקטירט, נאָך דעם וואָס ער בעקומט זי פֿון אַנ'אַנדערען לייב־

טענדען קערפּער. דאָס ליכט איז נאָר אַן'ערשיינונג אין דעם בע־וועגליכען שטאָף, ס'איז אַ כוואַליעס פאָרמיגע בעוועגונג פון די קליינע שטאָף טהיילכעלאַך. די פיזיק, די וויסענשאַפט פון די נאַטור ערשייגונגען, האָט גענוי אויסגעמאָסטען די לענג און די געשווינד־קייט פון די כוואליעס, וועלכע ווערען געמאַכט דורך די בעוועגונגען אין דעם שטאָף. דאָס ליכט איז ניט קיין עלעמענט ס'איז ניט אַ גענענשטאַנד. אַ זאַך זאָנדערן ס'איז נאָר אַ בעגריף פון דער איינגעאַרטיגער בעוועגונג אין דעם שטאָף, אין דער מאַטעריע. אָט דערפאָר איז פאַר קיין שטערבליכען מענשען ניט מעגליך צו פער־שטעהן און צו ערקיעהרען, וואָס ס'קען בעדייטען אַזוינס דאָס „ליכט" פונ'ם ערשטען טאָג פון דער וועלט בעשאפונג.

דער „טאָג" און די „נאכט", דער „אַבענד" און דער „פריה־מארגען" פון דעם ערשטען טאָג זיינען אונמעגליכקייטען.

פון זאַץ 6 ביז זאַץ 8 לויטעט:

„און גאָט האָט געזאָגט: ס'זאָל ווערען אַ דעק צווישען די וואַסערען און ס זאָל זיין אַ צווישענשייד פון וואַסער צו וואַסער. און גאָט האָט געמאַכט די דעק און ער האָט אָבגעשיידט דאָס וואַסער, וועלכעס איז אונטער דער דעק פון דעם וואַסער, וועל־כעס איז איבער דעם דעק, און ס'איז געשעהן אזוי. און גאָט האָט גערופען די דעק — הימעל, און ס'איז געוועזן אָבענד און פריה מאָרגען פון דעם צווייטען טאָג".

אָט דאָ שטעקט אַ גרויסער ווידערשפרוך. אין ערשטען זאַץ ווערט געזאָגט, אַז גאָט האָט בעשאַפען גלייך אין אָנפאַנג דעם הימעל (בראשית ברא אלהים את השמים), און אין אַכטען זאַץ ווערט דערצעהלט, אַז דער הימעל איז אויף'ס ניי בעשאַפען גע־וואָרען (ויעש אלהים את הרקיע... ויקרא אלהים לרקיע שמים) און דאָס איז געשעהן אין דעם צווייטען טאָג. דאָס איז אין גאַנצען אונפערשטענדליך, אונבעגרייפליך און געגען דער לאָגיק. אין יעדען פאַל איז קלאָהר, אַז דאָ איז פאַראַן אַ גרויסער פלאָנטער. העברע־אישע שפראַך קענער און שריפט געלעהרטע האָבען זיך מיט דעם ווידערשפרוך שטאַרק בעשעפטיגט און איינינע פון זיי זיינען

נעקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער ערשטער זאַץ פֿון דער תורה איז ניט איבערגעליפֿערט געוואָרן, ווי משה האָט איהם פֿערפֿאַסט, זאָנדערן ער איז, דורך אַ קאָפּיע פֿעהלער, פֿערענדער־ט געוואָרען. זיי בעהויפּטען, אַז גאָט האָט אין אָנפֿאַנג מן הסתם בעשאַפֿען דאָס וואַסער און משה האָט דערצעהלט: „בראשית ברא אלהים את המים ואת הארץ — אין אָנפֿאַנג האָט גאָט בעשאַפֿען דאָס וואַסער און די ערד". ביי דער איבערשרייבונג האָט מען אָבער געמאַכט אַ טעות און געשטעלט דאָס וואָרט „השמים" אַנשטאָט דעם וואָרט „המים", און דערפֿון האָט זיך גענומען דער ווידערשפּרוך.

פֿון זאַץ 9 ביז זאַץ 13 לויטעט:

„און גאָט האָט געזאָגט: ס'זאָל זיך אָנזאַמלען דאָס וואַסער פֿון אונטער דעם הימעל אין איין פּלאַץ, דאָס מען זאָל אַרויסזעהן די טרוקעניש (יבשה) און ס'איז געשעהן אַזוי. און גאָט האָט גערופֿען די טרוקעניש — ערד, און דאָס אָנגעזאַמעלטע וואַסער האָט ער גערופֿען — ימים, און גאָט האָט געזעהן, אַז ס'איז גוט. און גאָט האָט געזאָגט, אַז ס'זאָל אַרויסוואַקסען פֿון דער ערד גראָז און קרייטיכער, וועלכע זאָלען זיך פֿאָרטפּפֿלאַנצען דורך זייערע זאַמען: דער פֿרוכטען-בוים זאָל האָבען פֿרוכטען פֿון זיין מין מיט זיין זאמען אין זיך אויף דער ערד, און ס'איז געשעהן אַזוי. און די ערד האָט אַרויסגעגעבען גראָז און קרייטיכער, וועלכע זאָלען זיך פֿאָרטפּפֿלאַנצען דורך זייערע זאמען, יעדעס נאָך זיין מין. און דער בוים האָט געמאַכט פֿרוכטען, אין וועלכע ס'איז געווען זיין זאַמען, יעדער נאָך זיין מין. און גאָט האָט געזעהן, אַז ס'איז גוט. און ס'איז געווען אַבענד און פֿריהמאָרגען פֿון דעם דריטען טאָג.

די בעשאַפֿונג פֿון די פּפֿלאַנצען איידער די זונן איז אויף דעם הימעל געווען איז אַ נאַטירליכע אונמעגליכקייט. די ראַציאָנאַליסטען ווילען נאָך האָבען אַז יעדער טאָג פֿון משה'ס בעשאַפֿונגס געשיכטע מיינט אַ גאַנצע פעריאָדע מיט יאָהרען; מיר ווילען דערפֿאַר בעמערקען, אַז ס'איז נאָך אונמעגליכער אויפֿצוהאַלטען גרינע פּפֿלאַנצען אַ לאַנגע צייט אָהנע זוננען שטראַהלען.

פון זאַץ 14 ביז זאַץ 19 לויטעט:

„און גאָט האָט געזאָגט: ס'זאָלען ווערען ליכטער אויף דער דעק פון'ם הימעל צו אונטערשיידען צווישען טאָג און נאַכט און זיי זאָלען זיין צייכענס פון די צייטען, פון די טעג אין פון די יאָהרען. און עס זיינען געוואָרען ליכטער אויף דעם דעק פון דעם הימעל צו בעלייכטען אויף דער ערד, און ס'איז געשעהן אַזוי. און גאָט האָט געמאַכט די צוויי גרויסע ליכטער: דאָס גרויסע ליכט צו געוועלטיגען בייטאָג און דאָס קליינע ליכט צו געוועלטיגען ביינאַכט און אויך דיא שטערן; און גאָט האָט זיי אַריינגעזעצט אין דעם דעק פון דעם הימעל צו בעלייכטען אויף דער ערד, און זיי זאָלען געוועלטיגען בייטאָג און ביינאַכט. און זיי זאָלען אינטערשיידען צווישען דאָס ליכט און דער פינסטער־ניש, און גאָט האָט געזעהן, אַז ס'איז גוט, און ס'איז געווען אַבענד און פריהמאָרגען פון דעם פיערטען טאָג".

ווידערשפּרוכען איבער ווידע־שפּרוכען, אונמעגליכקייטען איבער אונמעגליכקייטען! דיא אַסטראָנאָמיע, די וויסענשאַפט פון די הימעל קערפּער, צייגט, אַז די ערד, זונן און לבנה זיינען ענטשטאַנען נאָך אין אַן'אַנדער־ער כראָנאָלאָגישער רייהע, ווי די וואָס משה דער־צעהלט. די זונן איז געוועזען אין וועלט־רוים אַ לאַנגע צייט פאַר דער ערד, און די ערד — אַ לאַנגע צייט פאַר דער לבנה. אונצייהל־באַרע שטערן זיינען געוועזען אין וועלט־רוים מיט מיליאָרדען יאָהרען בעפאָר אונזער זונן מיט איהרע פּלאַנעטען און סאַטעליטען. אַחוץ דעם ווידערשפּרעכט משה זיך אַליין דערמיט וואָס ער דערצעהלט, אַז אין פיערטען טאָג איז אָבגעשיידט געוואָרען דאָס ליכט פון דער פינסטערניש, נאָך דעם וואָס ער האָט דערצעהלט, אַז דאָס איז נאָך געשעהן דעם ערשטען טאָג און ס'האָבען זיך שוין איבערגע־חזר'ט איינינע מאָל דער־ אַבענד און דער פריהמאָרגען.

פון זאַץ 20 ביז זאַץ 23 לויטעט:

„און גאָט האָט געזאָגט: ס'זאָל זיך רעגנען דאָס וואַסער מיט ריהרענדע לעבעדיגע בעשעפעניסע, און עופות זאָלען פליהען אויף דער ערד פאַר דער דעק פון דעם הימעל. און גאָט האָט בע־

בעשאַפֿען די גרויסע וואַללפֿיש און אַלערליי ריהרענדע לעבענדיגע בעשעפֿניסע, וועלכע רעגען אויף דאָס וואַסער, יעדעס נאָך זיין מין. און גאָט האָט געזעהן, אַז ס'איז גוט. און גאָט האָט זיי געבענשט, זאָגענדיג: פֿרוכטפערט און מעהרט אייך און פֿולט אָן דאָס וואַסער פֿון דעם ים; און די פֿייגעל זאָלען זיך מעהרען אויף דער ערד. און ס'איז געווען אַבענד און פֿריהמאָרגען פֿון דעם פֿינפֿטען טאָג.

דעם פֿינפֿטען טאָג, הייסט עס, האָט גאָט בעשאַפֿען די בע־שעפֿניסע פֿון'ם וואַסער און די פֿייגעל פֿון דער לופֿט. די נאַטור־וויסענשאַפֿטען האָבען בעוויזען אויף דעם איבערצייגענדעסטען אופֿן, אַז די חיות האָבען זיך ענטוויקעלט אין דער זעלבער צייט מיט די פֿפֿלאַנצען און אַז צוערשט זיינען געווען חיות און נאַכהער זיינען ערשט ענטשטאַנען די פֿייגעל. משה דערצעהלט, אַז די חיות זיינען בעשאַפֿען געוואָרען דעם זעקסטען טאָג, עס הייסט נאָך די עופֿות

פֿון זאַץ 24 ביז זאַץ 31 לויטעט:

„און גאָט האָט געזאָגט: די ערד זאָל אַרויסברייגגען לעבענ־דיגע חיות. יעדעס נאָך זיין מין. בהמות און ווערים, און חיות פֿון דער ערד, יעדעס נאָך זיין מין. און ס'איז געשעהן אַזוי. און גאָט האָט געמאַכט די חיות פֿון אויף דער ערד נאָך זייער מין און די בהמות נאָך זייער מין, און אַלערליי ווערים פֿון דער ערד נאָך זייער מין, און גאָט האָט געזעהן, אַז ס'איז גוט. און גאָט האָט געזאָגט: זאָלען מיר מאַכען דעם מענשען אין אונזער בילד און געשטאַלט (בצלמנו כדמותנו) און ער זאָל הערשען אויף די פֿיש אין ים, און אויף די פֿייגעל פֿון'ם הימעל, און אויף די בהמות, און אויף דער גאַנצער ערד. און גאָט האָט בעשאַפֿען דעם מענשען נאָך זיין בילד, נאָך דעם בילד פֿון גאָט האָט ער איהם בעשאַפֿען. אַ זכר און אַ נקבה האָט ער אין זיי בעשאַפֿען.

„און גאָט האָט זיי געבענשט א. ז. וו.

„און גאָט האָט געזעהן אַלעס וואָס ער האָט געשאַפֿען און ער

האָט געזעהן אַז ס'איז געווען זעהר גוט, און ס'איז געווען אַבענד און פריהמאָרגען פון דעם זעקסטען טאָג".

אין דעם זעקסטען טאָג, הייסט עס, האָט גאָט בעשאַפען די חיות און נאָר צום סוף האָט ער בעשאַפען דעם מענשען. משה האָט אַם ריכטיגסטען געטראָפען דערמיט, וואָס ער האָט געשטעלט די בעשאַפונג פון דעם מענשען צום סוף; ס'איז אָבער ניט ריכטיג, אַז אדם איז בעשאַפען געוואָרען פון אַ שטיק ליים, ווי עס ווערט בעהויפטעט אין צווייטען קאַפּיטעל פון ספר בראשית, און ס'איז אויך ניט ריכטיג, אַז חוה איז בעשאַפען געוואָרען פון אָדם'ס ריפּ· מיר וועלען זיך נאָך צו דעם טעות צוריקקעהרען.

ס'איז אויך ניט ריכטיג, אַז גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען נאָך זיין בילד, פערקעהרט, גראַדע דער הפוך האָט זיך אַרויסגע־וויזען פאַר אמת· דער מענש האָט זיך בעשאַפען אַ גאָט נאָך דעם בילד פון דעם מענשען! ווי דער מענש איז, אַזוי איז אויך זיין גאָט!

ס'איז אויך גוט בעקאַנט די געשיכטע פון חוה'ס זינד און פון דער אַרויסטרייבונג פון גן עדן. די ריידעווודיגע שלאַנג האָט פער־שאַפט די טהעאָלאָגען זעהר פיעל קאָפּ ברעכעניש און די שוהל קינדער זעהר פיעל שפּאַס. אין דער קריסטליכער וועלט איז בע־הויפּטעט געוואָרען און עס ווערט נאָך היינט צו טאָג בעהויפטעט, אַז משה האָט אין דער ריידעווודיגער שלאַנג געוואָלט איינקערפּערן דעם שטן אָדער דעם רוח. דאָס איז אָבער אַ גרויסער פעהלער, מחמת משה האָט נאָך ניט געקענט קיין שטן און קיין רוח. דיזע דעמאָנען געשטאַלטען זיינען ערשט בעקאַנט געוואָרען ביי יודען מיט שעהנע עטליכע יאָהרהונדערט נאָך משה'ס טויט. קלאָהר בע־שריבען איז דער שטן ערשט אין ספר איוב.

אַ ריידעוודיגע שלאַנג האָט געפיהרט צוערשט די מענשען צו דער ערקענטניס פון דאָס גוטע און פון דאָס שלעכטע!

ווי עס ווערט ווייטער בעהויפטעט איז, אַלס פאָלגע פון חוה'ס זינד, וועלכע איז איבערגעגעבען געוואָרען בירושה צו דער גאַנצער מענשהייט אויף דור דורות, געקומען דערצו, דאָס קין זאָל דער־

הרג'ענען זיין ברודער הבל. די שרעקליכע געשיכטע ענדיגט זיך אויך מיט א גרויסען ווידערשפּרוך: דער מערדער קין איז אַוועק אין דעם לאַנד ניד און ס'ווערט דערצעהלט אין ספר בראשית קאַפּיטעל 4 זאַץ 14:

„און קין האָט זיך בעקענט מיט זיין ווייב, און זי איז שוואַנגער געוואָרען און געבוירען חנוך, און ער האט געבויעט אַ שטאָדט און ער האָט זיא גערופען מיט דעם נאָמען פון זיין זוהן חנוך".

מיר זעהן דאַ, אַז דער זוהן פון דעם ערשטען מענשען אָדם איז גאָר אַוועק אין א פרעמד לאַנד, וואו ער האָט חתונה געהאָט, קינדער געבוירען און זאָגאַר אַ שטאָדט געבויעט. געוויס מיט דער הילף פון אַ־בייטער. אין דעם לאַנד ניד האָבען זיך, הייסט עס, אויך געפונען מענשען, וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען אויסערהאַלב אדם'ס משפּחה. דאס אַלעס שטעהט אין דער תורה און ס'פאָלגט דערפון, אַז אָדם און חוה זיינען גאָר ניט געווען די ערשטע מענשען. די נאַטור וויסענשאַפט קען אויך ניט קיין ערשטען מאַן: אָדם, און קיין ערשטע פרוי: חוה.

ס איז אויך בעקאַנט דער וויכטיגער בעריכט פון תורת משה וועגען מבול. אין ספר בראשית קאַפּיטעל 6 זאַץ 7 ווערט דערצעהלט:

„און גאָט האָט געזאָגט: איך וויל פערטיליגען די מענשען וועלכע איך האָב בעשאַפען, פון אויף דער ערד, פון דעם מענשען ביז צו דער בהמה, ביז צו דעם וואָרים און ביז צו דעם פויגעל פון הימעל, דען איך בערייע, פאַר וואָס איך האָב זיי געשאַפען"

אָט דאָ האבען מיר אַ זעהר נאַאיווע אויפפאַסונג וועגען גאָט. יהוה צייגט זיך דאָ אַרויס אַלס אַ שוואַכעס מענשליכעס וועזען, ער בערייעט פאַר וואָס ער האט פריהער די מענשען בעשאַפען. ער פערגעסט גאָר, אַז ער האָט אָנגעקוקט אַלעס וואָס ער האָט געשאַפען „און האָט געזעהן, אַז ס'איז זעהר גוט" (והנה טוב מאוד).

וואָס וואָלטעז מיר געדענקט פון אַ זשעניאַלען קינסטלער אָדער אַרכיטעקטאָר, וועלכער וואָלט פלוצלינג בערייעט אויף דאָס וואָס ער האָט געשאַפען! אַ ריכטיגער מענש בערייעט קיין זאַך ניט! אַ ריכטיגער מענש האַנדעלט שטענדיג נאָך זיין בעסטער איבערצייגונג. מאַכט ער אַ טעות אין זיין אַרבייט, טראָץ דעם וואָס ער האָט געוואָלט שאַפען נאָר גוטעס, בערייעט ער ניט, קלאָגט ניט און יאָמערט ניט, זאָנדערן ער וועט נאָכדענקען, ווי דעם פעהלער צו פעררריכטען און ווי אַ צווייטען מאָל ריכטיגער צו האַנדלען. דאָס איז ניט קיין בערייאונג זאָנדערן פערבעסערונג. אַלץ בעסער און בעסער מאַכען, אָט דאָס איז די הויפטזאַך ביי אַ פערנונפטיגען מענשען. אָבער ווען מען צושטערט אַלעס מאַכט מען קיין שום זאַך ניט בעסער.

יאָ, ס'איז גאַנץ ריכטיג, ווי דער טהעאָלאָג מ. י. סאַוואַדזש האָט בעמערקט: יהוה, וועגען וועלכען ס'ווערט דערצעהלט אין דער תורה, וואָהנט אויף איין בעשטימט אָרט, ווי אַ מענש; ער ערשיינט אין טעמפעל, געהט און ריידט, ווי אַ מענש; ער דענקט און מאַכט פלענער, וויא אַ מענש; ער ליבט און האַסט, ווערט בייז, נעהמט ראַכע און ענדערט זיינע מיינונגען, ווי ס'טהוט געוועהנליך אַ אָריענטאַלישער דעספאָט. מען דאַרף זיך אָבער איבער אַזאַ אַנטראָפאָמאָרפיזם (עהנליכקייט צו אַ מענשען) ניט וואונדערן, מחמת די אידעע וועגען אַ גאָט איז בעשאַפען געוואָרען פון דעם מענשליכען מאַרך. ווי דער מענש וואַקסט און ענטוויקעלט זיך אַזוי וואַקסט און ענטוויקעלט זיך אויך זיין אידעע וועגען דער גאָטהייט.

אין קאַפיטעל 6 זאַץ 8 ווערט דערצעהלט:

„און נח האָט געפונען חן אין די אויגען פון גאָט".

נאָך דעם קומט דער מבול, אַ וועלט אונגליק, אַ שרעקליכע דראַמאַ, צו וועלכער ס'איז קיין גלייכען ניט געוועזן אויף דער ערד. מיר אַלע האָבען, זיצענדיג אין די שוהל-בענק, אויפגעהערט מיט נייגעריגקייט די געשיכטע פון דעם מבול און די גרעסטע קינסטלער האָבען פעראייביגט דיזע דראַמאַ אין קונסטרייכע בילדער. די שוהל קינדער פון אונזער צייט לעזען אויך די ערצעהלונג פון דעם מבול

מיט דעם גרעסטען אינטערעס; און פֿאַר וואָס טאַקי ניט? דיזע וועלט דראַמאַ איז פֿערפוצט מיט דעם נאַנצען שמוק פֿון אַ אָריענ־טאַליש מעשה׳לע; אין מאַנכע פלעצער איז זי זאָגאַר פֿון אַ חלום׳־דיגער שעהנקייט.

ווער האָט אין זיינע יוגענד יאָהרען ניט געזעהן, אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון זיין קינדערישער נשמה, דאָס גאַנצע בילד פֿון נח דער גערעכטער („איש צדיק תמים"), מיט זיין משפחה און מיט די פֿיעלע פֿאָרלאַך חיות, עופֿות און ווערים אין דער תבה, וואָס איז געוועזן 300 איילען לאַנג, 50 איילען ברייט און 30 איילען הויך, אין וועלכער עס זיינען געשלאָפֿען צוזאַמען די וועלף מיט די שעפּ־סען און דיא זשיראפֿען מיט די לייבען; די ווילדע רויב חיות האָבען דאָרט געקייעט שטרוי און אַ אונבעגרעניצטער פֿרידען האָט אַלע בעשעפֿניסע אַרומגענומען. דאַן די טויב מיט דעם אויילבלאַט; דאָס אָבשטעלען זיך פֿון דער תבה אויף דעם באַרג אררט; די קרבנות, וואָס נח האָט געבראַכט און גאָר צום סוף דער שעהנער רעגענ־בויגען אויף דעם הימעל. ווי האָבען מיר זיך אַלס קינדער געפֿרייעט, ווען מיר האָבען געהערט אָדער געלעזען די פֿערשפרעכונג (אין ספֿר בראשית קאַפּיטעל 9 זאַץ 11):

„ס׳זאָל מעהר ניט פֿערשניטען ווערען אַלעס וואָס איז פֿון פֿלייש דורך דעם וואַסער פֿון דעם מבול".

אָט דאָס אַלעס איז אונז געלעהרענט געוואָרען אַלס אַ בע־גרינדעטער אמת און מיר האָבען עס גערן געגלויבט, דען ס׳איז געוועזן צו שעהן, דאָס ס׳זאָל זיין א ליגען. און זאָלען אונזערע קינדער דאָס ווייטער גלויבען? מיר זאָגען: ניין!

ס׳איז אויך ווערטה צו בעמערקען, אַז די קריסטליכע טהע־אָלאָגען וואָלטען זיך געווים ניט אַזוי איינגע׳עקשן׳ט אויפֿצוהאַלטען דאָס לעהרנען פֿון דעם ספֿר בראשית אין די שוהלען, ווען משה׳ס בעשאַפֿונגס געשיכטע וואָלט ניט ענטהאַלטען אין זיך די דאָגמאַ־טישע גרונדלאַגע, דעם באַזיס פֿון דאָס קריסטענטהום.

אוים דער לעהרע פֿון דעם חטא אין גן עדן און אוים דער פֿערצווייפֿעלטער אַנשויאונג, אַז די גאַנצע מענשהייט איז דורך

יענעם חטא פערשאָלטען געוואָרען אויף דור דורות, איז אַרויסגע־קומען די אידעע וועגען אַ רעטונג דורך איבער-ערדישער, איבער־נאַטירליכער, געטליכער הילף.

אַט אַזוי איז פון דעם יודענטהום אַרויסגעקימען דער געדאַנק פון אַ משיח, וועלכען גאָט אַליין וועט שיקען פון דעם הימעל און וועלכער וועט זעהר פיעל ליידען אויף דער ערד, כדי אָבצוקומען פאַר יענער גרויסער זינד, דורך וועלכער די מענשהייט איז פער־שאָלטען געוואָרען דער געדאַנק וועגען אַ משיח איז נאַכהער איינגעקערפערט געוואָרען אין ישו הנוצרי און דאָס קריסטענטהום איז ענטשטאַנען.

דאָס קריסטענטהום איז לויט דער אויפפאַסונג פון דער אָר־טהאָדאָקסישער קירכע די נאַטירליכע טאָכטער פון דעם יודענטהום. ס'איז די לייזונג פון דער ביבלישער חידה וועגען דער זינד אין גן עדן און דער אייביגער קללה געגען דער מענשהייט *).

מיר וועלען אין אַן אַנדער פלאַץ פון דיזען בוך צייגען, אַז אויך די נאַטור פאָרשער פון דער געגענוואַרט, כאָטש זיי זיינען געגנער פון משה'ס ערצעהלונג וועגען דער וועלט בעשאַפונג, זיינען זיי דאָך בעוואוסט אויף אַ גרויסען חטא פון דער מענשהייט, וועלכער איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור. דערפאַר אויב מען דאַרף דוקא האָבען אַ „חטא" צו דער גרינדונג פון אַ ענטוויקלונגס-פעהיגען רעליגיאָנס-סיסטעם, דאַן זאָגען מיר: גוט! די נאַטור

*) אויפגעקלעהרטע טהעאָלאָגען לייקענען אָב, אַז דאָס קריסטענטהום איז די טאָכטער פון דעם יודענטהום. דער בעריהמטער טהעאָלאָג ברונאָ בויער, וועלכער איז אַם ווייטסטען געגאַנגען אין דער ביבעל קריטיק, איז געקומען צום שלוס, אַז ניט אין גליל און ירושלים איז דאָס קריסטענטהום ענטשטאַנען, זאָנדערן אין די פילאָזאָפישע שוהלען פון אַלעקסאַנדריאַ און רוים, וועלכע זיינען געווען די צענטערס פון דער דעמאָלטדיגער אינטעליגענץ. פרידעריך ענגעלס בעווייזט, אַז ניט די אינטעליגענץ זאָנדערן דער סאָציאַלער עלענד איז געווען דער ווירקענדער פאַקטאָר, וואָס האָט געשאַפען און ענטוויקעלט דאָס קריסטענטהום. קריסטוס איז געוואָרען אַ גרינדער פון אַ רעליגיאָן ערשט איניגע יאָהרהונדערט נאָך זיין טויט.

פֿאָרשער האָבען געגען דעם גאַר ניט אַנצוּווענדען, פֿערקעהרט, מיר ווע̇לען געהן האנד אין האַנד מיט אַלע מענשען-פֿריינד, וועלכע ווילען ווירקליך ברייננען גליק צוּ אוּנזוער געשלעכט, כדי צוּ העל־פֿען בעפֿרייען די מענשהייט פֿוּן אוּנטער דער אַנערקענטער מאַכט פֿוּן דעם „חטא".

ס'איז אויך וויכטיג פֿעסטצוּשטעלען, אַז דאַס יודענטהוּם פֿוּן דער ביבלישער צייט האָט זעהר וועניג בייגעטראָגען צוּ דער נאַטוּר ערקענטנים. דאָס יוּדענטהוּם, וואָס האַט אַלס גרוּנדלאגע תורת משה איז ניט פֿריינדליך צוּ דער וויסענשאַפֿט, אַבער דאָס אינטע־ליגענטע פֿאָלק, וועלכעס איז געפֿיה־ט געוואָרען פֿוּן משה'ן אוּן יהושע'ן אין דעם געלויבטען לאַנד (ארץ זבת חלב ודבש), איז געווען לעבענס לוּסטיג אוּן נאַטוּר-פֿריינדליך. די יודען פֿוּן דער אַלטער ביבלישער צייט האָבען זיך געפֿרייהט מיט די אוצרות פֿוּן דער וועלט; זיי האָבען ליעב געהאַט גאָלד אוּן זילבער, שאָף אוּן רינדער, גערטנער פֿוּן פֿרוּכטען אוּן פֿוּן וויינטרויבען; זיי האָבען געזעהן די בלוּמען פֿוּן די פֿעלדער אוּן בעזיננגען די שעהנקייט אוּן הערליכקייט פֿוּן די ליליעס. זיי האָבען פֿערגליכען אין הויך-פּאָעטישע ווערק די מענשליכע שעהנקייט אוּן דעם ווייבליכען ליעבע-רייץ צוּ די דוּפֿטענדע געשטאַלטען פֿוּן די פֿלאַנצען, וועלכע האָבען בעציהרט די פֿעלדער פֿוּן אַרוּם דעם באַרג לבנון אוּן פֿוּן אַרוּם די ברעגעס פֿוּן דעם ירדן.

מיר ווילען דאָ ברייננען נאָר איינינע ביישפּיעלע פֿוּן שיר השירים, וועלכע ווילען דאָס איבערציינגען:

„איך בין אַ רויז אין שרון אוּן אַ ליליע אין די טהאָלען". (קאַפּיטעל 2 זאַץ 1).

„אַ בינטעל מירען איז מיין פֿיעל געליעבטער צוּ מיר... מיין געליבטער איז צוּ מיר, ווי די טרויבען פֿוּן כופר אין דעם וויינ־גאָרטען פֿוּן עין גדי". (ק. 1 ז. 13 אוּן 14).

„ווי די ליליע צווישען דערנער אַזוי איז מיין פֿיעל געליעבטע צווישען די טעכטער. ווי דער עפּעלבוים צווישען די בוימער פֿוּן

וואלד אַזוי איז מיין פּיעל געליעבטער צווישען די זיהן". (ק. 2 ז. 2 און 3).

„גלייך צו אַ הירשין איז מיין פּיעל געליעבטער אָדער צו אַ יונגען הירש". (ק. 2 ז. 9).

„זיין אויסזעהן איז ווי דער לבנון, אויסערוועהלט ווי די צעדערן". (ק. 5 ז. 15).

אָדער וועלכער דיכטער פון דער געגענוואַרט וואָלט אים שטאַנד געווען צו שילדערן שעהנער דאָס קומען פון דעם פריהלינג, ווי דער משורר פון שיר השירים האָט דאָס געטהון:

„דען זעה, דער ווינטער איז פערשווינדען, דער רעגען איז פערביי אַוועקגעגאַנגען. די בלומען האָבען זיך בעוויזען אויף דער ערד, די צייט פון געזאַנג איז געקומען און דאָס קול פון דער טורטעל-טויב הערט זיך אין לאַנד. דער פייגען בוים האָט אַרויסגעשפראָצט זיינע גרינע פייגען, און די וויינשטאָקס מיט די טרויבען פערשפרייטען אַ געשמאַקען ריח. שטעה אויף און קום מיין פּיעל געליעבטע, מיין טהייערע קום אַהער". (ק. 2 ז. 11—14).

„ווער איז זי, וואָס ערשיינט ווי די מאָרגען רויטקייט, שעהן ווי די לבנה, קלאָהר ווי די זונן". (ק. 6 ז. 10).

אונז אַלע זיינען גוט בעקאַנט די מזמורים מיט זייער בילדעררייכער שפּראַך, טהיילווייז זיינען זיי אונז זאָגאַר זעהר בעליבט. נאָך אַנדערע נאַטור פריינדליכע פראַגמענטען (שטיקלאַך) געפינען זיך אין דעם אַלטען טעסטאַמענט. אָבער מיט דאָס קריסטענטהום, ווי די קירכע לעהרענט עס און ווי ס'איז בעגריפען געוואָרען פאַר די לעצטע אַנדערהאַלבען טויזענד יאָהר, איז ענטשטאַנען די פעראַכטונג פון דער וועלט און פון דער נאַטור.

ס'איז ניט אונזער אויפגאַבע צו צייגען, וועלכע ס'איז געווען די ווירקליכע לעהרע פון דעם חכם פון נוצרת. די מיינונגען וועגען איהר זיינען היינט צו טאָג זעהר פערשיעדען. קיין איינציגער פון די פיער עוואַנגעליומס זיינען ניט פערפאַסט געוואָרען אין דער צייט

פֿון ישו, זאנדערן זיי שטיצען זיך אלע נאַר אויף טראַדיציאָן *). ס'איז אויך ניט אונזער אויפֿגאַבע צו ערקלעהרען ווי ס'איז געקומען דערצו, דאָס די לעהרע פֿון נוצרת האט געקענט בעקומען אַזאַ בעדייטונג אין דער ענטוויקלונגס געשיכטע פֿון דער מענשהייט, ווי דאָס איז אין דער ווירקליכקייט געשעהן.

מיר ווילען נאַר אָנווייזען דערויף, אז מיט דער ענטשטעהונג פֿון דאָס זאָגענאַנטע „קריסטענטהום", אלס אַ רעליגיאָנס לעהרע, האָט זיך פֿערשפּרייט אַ בעדויערליכע פֿעראַכטונג צו אַלע ווירקליכע געגענשטענדע, און דאָס אַבזאָגענווייד פֿון די תענוגים פֿון דער וועלט איז ערהייבען געוואָרען אַלס אַ רפֿואה געגען אַלע צרות און ליידען. אין דעם ערשטען יאָהרהונדערט פֿון דער קריסטליכער צייט־רעכנונג האַבען זיך די קריסטען אַבגעזאָגט פֿון יעדער פֿרייד פֿון דער וועלט און פֿון יעדען גענוס פֿון דער נאַטור; זיי זיינען געווען די אַרימסטע פֿון דעם פֿאָלק, אין רוים זיינען זיי געווען די שקלאַפֿען, און איבעראַל — פּראָלעטאַריער, בעזיצלאָזע מענשען, וועלכע האַבען דאַ אויף דער וועלט נאַר ניט געקענט האָבען און געניסען; אַט דערפֿאַר האַבען זיי מיט גרויס פֿרייד אַלע ווייטערע האָפֿנונגען

---

*) דאָס עוואַנגעליום וועגען יוחנן, מאַיקוס, איז דאָס עלטעסטע, ס'איז דאָס איינציגע, וואָס איז פֿערפֿאַסט אין דעם ערשטען יאָהרהונדערט פֿון דער קריסטליכער צייט רעכנונג. ס'איז אָבער אויך פֿערפֿאַסט מיט 70 אָדער 80 יאָהר נאָך ישו'ן.

ס'איז אין דער לעצטער צייט אויך בעוויזען געוואָרען, אַז דאָס געהיימניספֿאָלסטע פֿון אַלע קריסטליכע ביכער, יוחנן'ס ענטפּלעקונג, דאָס עלטעסטע און פֿאָלגליך אויך דאָס ווערטהפֿולסטע פֿון אַלע שריפֿטען, וועלכע זיינען פֿערבליבען פֿון ישו'ס צייט, איז פֿערפֿאַסט צווישען יוני 67 און יאַנואַר 68 נאָך ישו'ן. און דער שריפֿט איז נאָך קיין רעדע ניט פֿון קיין דריי איינגקייט. דער פֿערפֿאַסער פֿון דער שריפֿט בעטראַכט פֿאַר זיינע גלויבענס ברידער קיינע אַנדערע, ווי נאָר די יודען. ס'איז קלאָהר דערפֿון, אַז דאָס ערשטע קריסטענטהום איז געווען גאַר עפּעס אַנדערש ווי דאָס שפּעטערע קריסטענטהום, וועלכעס איז געוואָרען אַ וועלט רעליגיאָן. ישו פֿון נוצרת וואָלט היינט צו טאָג בשום אופֿן ניט אַנערקענט געוואָרען אַלס אַ קריסט פֿון די אָרטהאָדאָקסישע קריסטען.

געבויעט נאָר אויף יענער וועלט. די קריסטען פון רוים זיינען געווען א לאנגע צייט קאָמוניסטען. אלעס ארום האָט זיי געצוואונגען דאָס זיי זאָלען זוכען א רעטונג אין דאָס איבערנאַטירליכע און אונמעג־ליכע; נאָר אין דעם גלויבען אליין האָבען זיי געקענט געפינען גליק און פריידען. נאָך וואָס האָבען זי' געדאַרפט האָבען חכמה, נאַטור־ערקענטנים, פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט!

טויזענדער מאָל האָט מען געגען די נאַטור פאָרשער בענוצט דעם זאַץ פון דעם אַפּאָסטעל פאַולוס:

„ווייל זיי האָבען זיך פאר חכמים געהאַלטען זיינען זיי נאַראָנים געוואָרען”. (רוימער קאַפּיטעל 1 זאַץ 22).

אַזעלכע ווערטער זיינען זעהר ביליג און זיי זיינען געוואָרען דאָס פערגעניגען פון די יעניגע, וועלכע די נאַטור האָט בעהאַנ־דעלט, ווי א שטיפמוטער, בשעת זי האָט זיי געגעבען שכל, אָדער וועלכע האָבען געפונען זייער צושטאַנד גענוג בעקוועם און האָבען קיין נויט ניט געהאַט צו ענטוויקלען ווייטער זייער גייסט, כדי צו ווערען אַליין-דענקענדע ווזענס. ס'איז זיכער, דאָס קיין איינציגער אַנדערער זאַץ פון דער גאַנצער ביבעל האָט ניט אַזוי פיעל גע־שטערט, אין די קריסטליכע לענדער, צו דער ענטוויקלונג פון דער נאַטור ערקענטנים, ווי דער זאַץ פון דעם היידישען אַפּאָסטאָל פאַולוס.

אַביסעל ווייכער, ווי זיין אַפּאָסטאָל, פאַולוס, האָט ישו בעציי־בענט דעם אונווערטה פון דער וויסענשאַפט:

„געבענשט זיינען די אָרימע אין גייסט, דען זייערער איז דער רייך פון דעם הימעל”. (מתתיה קאַפּיטעל 5 זאַץ 3).

די אָרימע אין גייסט זיינען זעלבסטפערשטענדליך די אונווי־סענדע. (די רעפאָרם טהעלאָגען ווילען אַפילו ערקלעהרען, אַז אונ־טער די „אָרימע אין גייסט” פערשטעהט מען די עניו'דיגע, וועלכע זיינען בעוואוסט אויף זייערע שוואַכקייטען און אונפאָלקאָמענהייטען: די אידעאַליסטען, הייסט עס. די אָרטהאָדאָקסישע קירכע און די גלויביגע סעקטען לעהרנען אָבער, אַז אונטער די „אָרימע אין גייסט” פערשטעהט מען די אונוויסענדע און די נאַראָנים).

ווי דער קריסטענטהום פֿון דעם אַפּאָסטאָל פּאַוּרוס, וועלכער איז דער הערשענדער קריסטענטהום, האַט דאָס מענשליכע שטרע־בען איבערגעפיהרט פֿון אויף דער וועלט אויף יענער וועלט, ווי דיזער קריסטענטהום האָט זיך, אָהנע וועלכען עס איז ריקזיכט ערקלעהרט אַלס פֿיינד פֿון וויסען, צייגט זיך אַרויס קלאָהר און דייטליך פֿון די בריף, וועלכע ווערען דעם אַפּאָסטאָל פּאַולוס צו־געשריבען און פֿון וועלכע אייניגע זיינען גאָר ניט אָ ר י ג י נ אַ ל:

„אויב איהר וועט לעבען וועגען דעם פֿלייש וועט איהר שטאַר־בען, אָבער אויב איהר וועט דורך דעם גייסט טויטען די האַנד־לונגען פֿון דעם פֿלייש, דאַן וועט איהר לעבען". (רוימער, קאַפּיטעל 8 זאַץ 13).

„דען ס'שטעהט געשריבען: איך וועל צושטערען די חכמה פֿון דעם חכם און וועל מאַכען צו גאָר ניט דעם פֿערשטאַנד פֿון דעם קלוגען". (קארינטה. קאַפּיטעל 1 זאַץ 19).

„וואו זיינען די וועלט הכמים?... האָט ניט גאָט געמאַכט צו נאַרישקייט די חכמה פֿון דער וועלט?" (דאָס זעלבע, קאַפּיטעל 1 זאַץ 20).

„דען גאָט האָט אויסערוועהלט דאָס וואָס ס'איז נאַריש פֿאַר דער וועלט, כדי צו צומישען די חכמים". (דאָס זעלבע, קאַפּיטעל 1 זאַץ 27).

„דען די חכמה פֿון דער וועלט איז נאַרישקייט ביי גאָט". (דאָס זעלבע, קאַפּיטעל 3 זאַץ 19).

„דאָס וויסען בלאָזט אויף". (דאָס זעלבע, קאַפּיטעל 8 זאַץ 1).

מיר ערפֿאַהרען גראַדע דעם הפוך דערפֿון: וויסען בלאָזט ניט אויף, זאָנדערן ס'מאַכט בעשיידען; מחמת מיט וויפֿיעל טיעפֿער מיר דרינגען אַריין אין דער וויסענשאַפֿט, מיט אַזוי פֿיעל ווערט אונז אַלץ קלאָהרער, אַז מיר ווייסען נאָך זעהר ווענינ, אַז מיר האַלטען נאָך אין אָנפֿאַנג פֿון דער ערקענטניס. די אויפֿגעבלאָזענסטע קעפּ און נשמות געפֿינען מיר גראַדע ביי די געגנער פֿון דער וויסענ־שאַפֿט, וועלכע פֿיהלען זיך בעקוועם אין זייער לאַגע, וועלכע זיינען בערוישט פֿון אַ נאַרישען שטאָלץ און שיטען מיט פֿראַזען פֿון דער

ביבעל, וועלכע שמייכלען זייער אונוויסענהייט. דער גייסטיגער טזות איז גראַדע די ירושה פון די „אָרימע אין גייסט". ס'זיינען פאַראַן אויסנאַהמעס — מיר קענען אַזעלכע אויסנאַהמעס און מיר ליבען זיי מיט דער גאַנצער וואַרימקייט פון אונזערע הערצער — אָבער די אויסנאַהמעס בעווייזען נאָר די רעגעל.

„אונזערע לייכטע ערגע־ניש, וועלכע איז נאָר אויף אַ מאָמענט, שאַפט פאַר אונז אַ הערליכקייט וואָס איז אייביג און וואָס איז פיעל וויכטיגער פון אַלעס. דען מיר (קריסטען) קוקען ניט אויף די זאַכען, וועלכע מען קען זעהן, זאָנדערן אויף די זאַכען, וועלכע מען קען ניט זעהן". (2 קארינטה. קאַפּיטעל 4 ז. 17 און 18).

דער ערשטער בריף פון יוחנן ענטהאַלט די דייטליכע ער־קלעהרונג:

„האָב ניט ליעב די וועלט און אויך ניט דאָס וואָס איז דאָ אין דער וועלט". (קאַפּיטעל 2 זאַץ 15).

דיא פעראַכטונג פון דער נאַטור און פון דער וועלט איז אַזוי וויית געגאַנגען, דאָס מען האָט זאָגאַר ע־קלעהרט, אַז די פאַמיליע איז אַ צרה, אַ אינסטיטוציאָן, וואָס איז ווערטה פעראַכטעט צו ווע־רען, ווייל זי האָט חיה'שע אינסטיקטען אַלס איהר גרונדלאַגע־ דאָס האָט פעראורזאַכט וואָס די רוימיש־קאַטוילישע גלחים הייראַטען ניט.

דער כבוד פון דער פ־וי האָט דורך דעם וועניג וואָס גע־וואונען *).

מיר האָבען נאָר געבראַכט איינִיגע ביישפּיעלע, וועלכע בע־וויזען ווי דער אַפּאָסטאָל און דער גרינדער פין'ם קריסטענטהום האָט פעראַכטעט די וועלט און די נאַטור.

און אָט דיזע רעליגיאָן פון ענטזאַגונג און נאַטור פע־אַכטונג

---

*) די פערנונפטיגע וועלט אַנשויאינג פון דער געגענוואַרט בעטראַכט, פערקעהרט, די פרוי גלייך מיט דעם מאַן, דען די פרוי איז די בעדינגונג פון דער עקזיסטענץ און פון דער ענטוויקלונג פין דער מענשהייט. אָהן דער פרוי וואָלט די מענשהייט קיין קיום ניט געהאַט.

איז געוואָרען די שטאַאַטס רעליגיאָן אין דעם ציוויליזירטען מעריב טהייל פֿון דער וועלט.

אין דער צייט, ווען דאָס וואָרט פֿון דעם צלם האָט זיך אָנגעפֿאַנגען פֿערשפּרייטען האָבען די גריכען און די רוימער, וועלכע זיינען געווען היידישע פֿעלקער, געהאַט שעהנע אָנפֿאַנגען פֿון דער נאַטור וויסענשאַפֿט.

אַ ר י ס ט אָ ט ע ל ע ס, וועלכער האָט געלעבט פֿון 384 ביז 322 פֿאַר קריסטוס, האָט איבערגעלאָזט איינינגע נאַטור וויסענשאַפֿטליכע ווערק, צווישען וועלכע איינס, וואָס ענטהאַלט די פֿון איהם אויפֿגעשטעלטע סיסטעם פֿון די וועלטען פֿון חיות און פֿלאַנצען; דיזע סיסטעם האָט ניט געקענט זיין אויסגעהאַלטען, מחמת די נאַטור ערקענטנים פֿון אַריסטאָטעלעס'ן ענטשפּרעכט די בילדונג פֿון זיין צייט, וועלכע איז געווען זעהר בעשרענקט און פֿערמישט מיט קינדישע און אַבערגלויבישע אַנזיכטען. ס'איז אָבער זעהר כאַראַקטעריסטיש, דאָס גראַדע די אַריסטאָטעלישע נאַטור סיסטעם איז בעטראַכט געוואָרען אין די קריסטליכע לענדער אַלס דער גרונד פֿון דער וויסענשאַפֿט און זי איז געלעהרענט געוואָרען אין די שוהלען ביז כמעט אין דער לעצטער צייט.

אין יענער אַלטער צייט, מיט 2000 יאָהר צוריק האָבען גריכישע און רוימישע פֿילאָזאָפֿען דיסקוטירט וועגען די וויכטיגסטע פֿראַגען, וועלכע קענען זיך בעוועגען אין אַ מענשליכער ברוסט: די פֿראַגען פֿון ווערען און פֿערשווינדען, פֿון דעם אורשפּרונג און עצם פֿון אַלע געגענשטענדע, פֿון גאָט'ס עקזיסטענץ, און פֿון דער בעשטימונג פֿון די מענשען.

אין דער גריכישער און רוימישער לעהרע וועגען גאָט האָט די מענשליכע פֿאַנטאַזיע געערדט איהר דרייסטעסטע שפּראַך. די צאָהלרייכע געטער זיינען אַממייסטענס די פּאָעטישע איינקערפּערונג פֿון די נאַטור קרעפֿטען, פֿון די מענשליכע טוגענדען, פֿעהלער'ן און ליידענשאַפֿטען. דער גרעסטער גאָט י ו פּ י ט ע ר, אָדער צ ע א ו ס, איז געווען דער פֿערליעבטסטער מאַן, וואָס דער פּאָעטישסטער מענשענמאַרך האָט אַ מאָל אויסגעטראַכט און פֿערהערליכט אין לעגענדעס און

מעשיות. דער גאַנצער שטאַאַט זיינער פֿון אונטערגעטער אין געטינס, די גאַנצע אָלימפּישע *) געטער מחנה איז ניט געווען בעסער פֿון דעם גרויסען גאָט. קנאה און פֿעראַכטונג, ליעבע און האַס, איי־פֿערזוכט און פֿערפֿאָלגונג, פֿערגעניגענס-לוסט און תאוה אַלע מענש-ליכע ליידענשאַפֿטען און נאַרישקייטען, וועלכע מען קען זיך נאָר פֿאָר־שטעלען האָבען געשפּיעלט צווישען די געטליכע בעוואָהנער פֿון דעם גריכישען הימעל די זעלבע ראָלע, ווי זיי שפּיעלען אויף דער ערד צווישען די מענשען. אָבער אין דער גאַנצער מיטהאָלאָגיע **) פֿערנעהמט דאָס שעהנקייט אַ זעהר וויכטיגען פּלאַץ. די ווערק וועלכע שטאַמען פֿון יענער צייט און וועלכע זיינען געפֿונען געוואָ־רען אין אויסגעגראָבענע חורבות ווערען נאָך איצט בעטראַכט פֿון יודען, היידען און קריסטען אַלס די שעהנסטע, וואָס קונסט-פֿעהיגע הענד פֿון מענשען, האָבען ווען עס איז געשאַפֿען.

ס'איז ניט דאָ דאָס פּלאַץ צו צייגען ווי די אַלע גריכישע און רוימישע הערליכקייטען, ווי די שעהנע אָנפֿאַנגען פֿון דער נאַטור וויסענשאַפֿטליכער ערקענטניס, ווי די ווערק פֿון קונסט און פּאָעזיע זיינען בעגראָבען געוואָרען פֿון דעם גאַנג פֿון דער וועלט געשיכטע, אין חורבות, צוזאַמען מיט דעם רוימישען רייך. דאָס רייך פֿון די רוימער וואָלט אַפֿילו אָהן דעם קריסטענטהום צופֿאַלען געוואָרען, דורך אַזעלכע אורזאַכען, וועלכע צושטערען נאָך היינט צו טאָג מלוכות און נאַציאָנען.

ס'קען אויך ניט זיין אונזער אויפֿגאַבע צו געבען אַ בילד פֿון דעם ענטוויקלונגס גאַנג פֿון דער געשיכטע ביז צו יענער צייט ווען קריסטענטהום איז געוואָרען די הערשענדע רעליגיאָן. מיר ווילען אָבער זאָגען, אַז זינט דאָס קריסטענטהום האָט געזיעגט האָט אָנ־געפֿאַנגען הערשען דער פֿ א נ א ט י ז ם פֿ ו ן ד ע ר א ו נ װ י־ ס ע נ ה י י ט. ער איז געוואָרען דער אידעאַל פֿון די קירכענלעהרער און גלחים. דער קירכענלעהרער ע א ו ס ע ב י ו ס אוים דעם פֿיער־טען יאָהרהונדערט האָט אויסדריקליך געשריבען:

---

*) אָלימפּ, דאָס וואָהן-אָרט פֿון די גריכישע געטער.

**) מיטהאָלאָגיע, געטער-געשיכטע.

„מיר שעצען ניט די וויסענשאַפֿט, ניט אויס אונוויסענהייט, זאָנ־דערן אויס פֿעראַכטונג צו איהר נוצלאָזער אַרבייט; מיר ווילען אונזערע נשמות ווענדען צו בעסערע זאַכען".

אין יאָהר 391 נאָך קריסט איז פֿערברענט געוואָרען פֿון פֿאַ־נאַטישע קריסטען אונטער דער פֿיהרונג פֿון דעם אַרצבישאָף טהעאָפֿילאָס, די בעריהמטעסטע פֿון אַלע וועלט ביבליאָטעקען פֿון יענער צייט, די גרויסע ביכער זאַמלונג פֿון אַלעקסאַנדריאַ, וועלכע האָט געצייהלט 700 טויזענד בענדער, געשריבען אויף פּאַר־מעט. צו יענער צייט האָט געלעבט היפּאַטהיאַ, אַ גריכישע פֿרוי, וועלכע איז געווען בעריהמט דורך איהר שעהנקייט, זיטען־ריינקייט און געלעהרטזאַמקייט. זי איז געפֿאָהרען נאָך אַטהען, אין גריכענלאַנד, צו שטודירען פֿילאָזאָפֿיע און ווען זי איז צוריקגעקומען נאָך אַלעקסאַנדריאַ האָט זי געלעהרענט מיט אַנדערע די פֿילאָזאָפֿיע פֿון אַריסטאָטעלעס און פֿון אַנדערע פֿילאָזאָפֿען. אין אַ אויפֿשטאַנד, וואָס איז צו יענער צייט פֿאָרגעקומען, האָט דער פּאַטריאַרך צורילוס געשטעלט די אויפֿגערעגטע קריסטען ערמאָרדען אויף אַ גרויזאַמען אופֿן די געלעהרענטע פֿרוי.

אָט אזוי האָט זיך פֿערשפּרייט אַלץ מעהר און מעהר די שוואַרצע וואָלקען פֿון דער גייסטיגער פֿינסטערניש איבער דער וועלט. די שטיקלאַך אָריענטאַלישע און גריכישע וויסענשאַפֿטען, וועלכע זיינען געראַטעט געוואָרען פֿון דעם פֿאַנאַטיזם פֿון די קריסטען זיינען שפּעטער צוזאַמענגעקליבען געוואָרען פֿון די מחמעדאַנישע אַראַבער.

מחמעד אַליין, וועלכער האָט זיך פֿיעל געשטיצט אויף דעם יודישען געזעצגעבער און פֿיהרער משה — דאָס האָט איהם אַפֿילו ניט פֿערהינדערט צו לאָזען אַראָבנעהמען די קעפּ פֿון די יודען, וועלכע האָבען געוואָגט זיינע אַני מאַמין׳ס צו קריטיקירען — איז גראַדע געווען אַ פֿריינד פֿון חכמה. ער האָט ערקלעהרט, אַזוי ווערט בעהויפּטעט, אַז דאָס טינט פֿון די געלעהרטע איז הייליגער ווי דאָס בלוט פֿון די מאַרטירער און דאָס בעסטע פֿון גאָטס

שאַפונג איז די פערנונפט *) (מיט מעה־ערע יאָהרהונדערט שפּעט־
טער האָט דער רעפאָרמאַטאָר לוטהער גערופען די זעלבע פערנונפט „דאָס בעסטע פון גאָטס שעפּפונג" מיט אַזאַ נאָמען, וואָס קיין אַנשטענדיגער מענש וועט ניט איבער'חזר'ן אין דער אַנוועזענהייט פון פרויען און קינדער).

ווערהרענד אונטער דער הערשאַפט פון די מחמעדאַנישע אַראַבער האָבען די שוהלען פון די געלעהרטע אַזוי אויפגעבליהעט, ווי קיין מאָל ניט בעפאָר און קיין מאָל ניט נאָכהער, האָבען זיך ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייט אין די אַנדערע לענדער פון אייראָפּאַ, וואו דער קריסטענטהום האָט געהערשט, די שאָטענס פון אונוויס־סענהייט און וויסענס פעראַכטונג.

ס'ווערט פון איינגע בעהויפּטעט, אַז די מאָנאַסטירס זיינען געווען פריינדליך צו'ם וויסען און זיי האָבען געהאָלפען ענטוויקלען די קולטור; דאָס איז אַ פעהלער, וועניגסטענס איז דאָס איבער־טריבען; דאָס צייגט זיך אַרויס פון דער טהאַטזאַך אַז אין פיעלע מאָנאַסטירס פון פיעלע לענדער האָט זיך אפילו ניט געפונען קיין שרייבגעצייג. ווען דער בעריהמטער דיכטער פעטראַרקאָ (1304—1374) איז געקומען אין ליטיך וואו ער האָט געפינען ציצעראָ'ס רעדע, און האָט ערקלעהרט, אַז ער וויל זיי איבער־שרייבען, האָט זיך אין די פיעלע מאָנאַסטירס, וועלכע זיינען דאָרט געווען, ניט געפונען קיין טינט.

האַלטענדיג אין אָנבעטראַכט אַזעלכע צושטענדע דאַרף עס גאָר ניט וואונדערן, וואָס אייף די גרויסע קירכען פערזאַמלונגען אין טאור (1163) און אין פאַריז (1231) איז פערבאָטען געוואָרען „דאָס זינדהאַפטע לעזען פון פיזיקאַלישע שריפטען".

דער פּויפּסט באָניפאַץ דער אַכטער, וועלכער איז געשטאָרבען אין 1303, דער געניאַלער ערפינדער פון דעם „יובל יאָהר",

*) ס'דאַרף אָבער ניט פערשוויגען ווערען, אַז מחמעד אַליין איז אין פיעלע אָנגעלעגענהייטען געווען שרעקליך אונוויסענד. אַזוי צום ביישפּיעל האָט ער געגרעכענט מרים משה'ס שוועסטער און מרים ישו'ס מוטער פאַר איינע און די זעלבע פערזאָן.

וועלכעס האָט די פינאַנצען פון די פויפסטע גערעטעט פון אַלע צרות, האָט ביי זיין לעבען פערבאָטען די דאָקטוירים צו צערגלידערען אַ טויטען קערפער פון אַ מענשען. אַלס אורזאַך האָט ער אָנגעגעבען, אַז די צושניטענע מתים וועלען ניט קענען אויפשטעהען קיין תחית המתים. אַלץ דורך דער זעלבער אורזאַך האָט דער פויפסט לעאָן דער דרייצעהנטער פערבאָטען זיינע גלויביגע צו הייסען זיך פערברענען נאָך דעם טויט.

אין יאָהר 1837 האָט דער פויפסט יאָהאַן דער צוויי און צוואַנציגסטער פערבאָטען דאָס שטודירען די כעמיע. ווער ס'האָט זיך טראָץ דעם פערבאָט, בעשעפטיגט מיט דער בעטראַכטונג פון נאַטירליכע געגענשטענדע און האָט נאָכגעדענקט וועגען דער וועלט וועלכע מען קען זעהן און בעגרייפען, איז פערפאָלגט געוואָרען ענטוועדער אַלס קעצער, אַלס אונגלויביגער, אָדער אַלס מכשף, וועלכער שטעהט אין פערבינדונג מיט שדים און רוחות; אין יעדען פאַל האָט מען גערויבט זיין לעבען און איהם איבערגעגעבען צום טויט. די פאַנאַטישע פערפאָלגונג, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען סיסטעמאַטיש פון די פערוואַלטער פון די קירכען, יאָהרהונדערטע לאַנג, געגען דער שטרעבונג נאָך וויסען און ערקענטניס, האָט געבראַכט אַנ'אַלגעמיינע גייסטעס-קראַנקהייט, וואָס האָט זיך פערשפרייט ביי אַלע קריסטליכע פעלקער און וועלכע האָט געקאָסט דאָס לעבען פון טויזענדער אונשולדיגע מענשען קרבנות. מיר מיינען דעם גלויבען אין די כשוף מאַכער און די פערפאָלגונגען געגען זיי. מיר וועלען ברייגנען איינעגע ביישפיעלע פון די גרויזאַמקייטען, וואָס זיינען בעגאַנגען געוואָרען. אין 1659 האָט מען אין באַמבערג 120 און אין טריער 6500 מענשען לעבעדיג פערברענט. אין 1652 האָט מען אין לוצערן געפייניגט אויף אַ שרעקליכען אופן אַנ'אַלטע פרוי פון 85 יאָהר און נאָך דעם וואָס מען האָט ביי איהר אַרויסגעפרעסט אַ ערקלעהרונג, דורך וועלכער זי האָט זיך מודה געווען, אַז זי איז „שולדיג", אין וואָס, האָט זי אַליין ניט געוואוסט, זי האָט איהר פערשטאַנד פערלוירען, האָט מען זי פערברענט לעבעדיגערהייט. פון דעם לוצערנער שטאָדראַטה, פון דעם זעלבען יאָהר, איז פערבליבען פאָלגענדער פראָטאָקאָל:

„אַ קליין מיידעלע פון 11 יאָהר, פאַר מאַכען פייגער, איז, אַזוי ווי ס'איז ניט געווען קיין האָפנונג אויף פערבעסערונג, דער־שטיקט געוואָרען אין תפיסה, אָהן אַ שום אורטהייל; מען האָט זי נאַכהער אַריינגעריקט אין אַ זאַק און פערברענט".

אין דעם תפיסה בוך פון לוצערן געפינט זיך נאָך אַ פּראָטאָקאָל פון 1659, וועלכער לויטעט:

„אַ מענשעלע פון 7 יאָהר אַלט, מיט דעם נאָמען קאַטרינעלי, איז, מחמת זי האָט געלייקענט אין גאָט, דערוואָרגען געוואָרען אין דער תפיסה צוגעבונדען צו אַ פלאָקען; נאַכהער האָט דאָס הייליגע געריכט זי פערמשפט פערברענט צו ווערען".

ווי ווייט דאָס גאַנצע גייסטיגע לעבען פון די קריסטליכע פעל־קער איז געווען דערטרונקען אין אונוויסענהייט צייגט זיך אַרויס אַם בעסטען דערפון, דאָס זאָגאַר אין די לוטהערישע האָכשוהלען איז די ליבע צו דער נאַטור ערקלעהרט געוואָרען אַלס אַ צייכען פון פערקעהר מיט דעם שטן. אַ דאָקטאָרישע אָבהאַנדלונג פון 1644, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אין דער האָכשוהלע פון טיבינגען, דעכענט אויס אַ רייהע האַנדלונגען, וועלכע ווערען בעצייכענט אַלס „אומגאַנג מיט פערדעכטיגע זאַכען" און צווישען זיי איז אויך פאַראַן דער „אומגאַנג מיט דער נאַטור" אין דער זעלבער אָבהאַנדלונג ווערט ערקלעהרט, אַז דאָס וויסען פון נאַטירליכע ערשיינונגען איז אַזאַ קענטעניס, וואָס פאַסט ניט פאַר קיין קריסטליכען מענשען.

יאַ, יאַ, עס שטעהט געשריבען:

„איך וועל צושטערען די חכמה פון דעם חכם און וועל מאַכען צו גאָר ניט דעם פערשטאַנד פון קלוגען".

אָט וועגען דעם, כדי דאָס אויסצופיהרען, האָט מען אָנגעצונדען הונדערט טויזענדער שייטערהויפענס, דאָס נאָך איצט פיהלט זיך דער ריח פון די פערברענטע קרבנות אין די טהאָלען צווישען די בערג.

וואָלטען די קירכען פעטער און די בישאָפס ניט ערקלעהרט, אַז די איבערליפערונגען פון דעם אַלטען טעסטאַמענט זיינען געט־ליכע ענטפלעקונגען, וואָלטען די זעלבע לעהרער פון דער קריסט־

ליבער קירכע ניט געווען צוזאַמענגעקליבען אַנדערע שריפטען, וועלכע זיינען פערפאַסט געוואָרען ערשט אַ לאַנגע צייט נאָך ישו'ס טויט און וועלכע זיי האָבען איינגעאָרדענט און „אויסגעבעסערט" לויט ווי ס'האָט זיי געפאַסט און זיי געגעבען דער וועלט אַלס אַ בייעם טעסטאַמענט — וואָלטען מיר ניט געווען אויסגעטרעטעלט אָט די אַלע דערמאָהנטע גרונדלאַגען פון זייער לעהרע.

אין איהר וועלט אַנשויאונג שטיצט זיך די קריסטליכע קירכע דורכאויס אויף משה'ס בעשאַפונגס געשיכטע: נאָך דער געשיכטע נאָך שטעהט די ערד אין מיטען פון דעם וועלט רוים און זי איז דער וויכטיגסטער פון אַלע וועלט קערפער. לויט יענער פאַלשער בעהויפטונג וואָס שטיצט זיך בלויז אויף גלויבען דרעהען זיך אַרום דער ערד די זונן, די לבנה און די שטערן. אין דער וויסענשאַפט רופט מען דיזען טעות: דער געאָצענט־ישער.

דאָס פטאָלעמאישע*) וועלט סיסטעם איז געווען צוגעפאַסט צו דער ביבלישער טראַדיציאָן, די קירכע פעטער האָבען עס דערפאַר אנערקענט פאַר ריכטיג און ס'האָט זיך, מיט זייער הילף, אויפגעהאַלטען אין די מערב לענדער גאַנצע 1400 יאָהר אַלס די איינציגע ריכטיגע אַסטראָנאָמישע לעהרע. דיזעס סיסטעם האָט איינגעטהיילט דעם הימעל אין עלף ספערעס (קרייזען), אין וועלכע די זונן, די לבנה און די שטערען בעוועגען זיך אַרום דער ערד**)

---

*) פטאָלעמאוס בעריהמטער גריכישער אַסטראָנאָם, געאָגראַף און מאַטעמאַטיקער, האָט געלעבט אין צווייטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט־רעכנונג. זיין אַסטראָנאָמישע סיסטעמע איז בעקאַנט אינטער דעם נאָמען דאָס „פטאָלאָמעאישע".

**) דער אויבערשטער פון דיזע עלף קרייזען, דער זאָגענאַנטער פרימום מאָבילע (ערשטע בעוועגונג) האָט דעם צוועק צו בעוועגען אַרום דער ערד, יעדען טאָג, די איבעריגע קרייזען פון מורח נאָך מערב.

אין תלמוד ווערט גערעדט וועגען זיבען הימלען: וילון, רקיע, שחקים, זבול, מעון, מכון, ערבית. (חגיגה י"ב ע"ב). פון איין הימעל צום צווייטען איז אַזוי וויט, דאָס מען וואָלט בעדאַרפט געהן 500 יאָהר, כדי דורכצושפרייזען די שטרעקע. אַחוץ דעם איז יעדער הימעל אַלץ אַזוי דיק ווי ווייט

איבער די עלף קרייזען, האָבען די גלויביגע קריסטען געדענקט, געפינט זיך דער הימעל פאַר די הייליגע, דאָס וואָהן-אָרט פון גאָט און דער רייך פון זיינע הימלישע אַרמייען: מלאכים. מען רופט דיזען מהייל פון דער וועלט דער עמפירעאום (דער העכסטער הימעל).

ווען מיר דענקען איצט צו דיזער קינדערישער אַנשויאונג, דערמאָהנען מיר זיך אין אונזער אייגענער קינדהייט, מיט אַלע איהרע פאַנטאַזיעס און חלומות, וועלכע שוועבען דורך פאַר אונזער גייסט און רופען אַרויס אַ שמייכעל אויף אונזערע ליפען. וויפיעל מאָל האָט זיך ניט געטראָפען, וועלכען ס'איז פון אונז, ווען מיר זיינען געוועזען קינדער, זיך אַוועקצוזעצען ביי דעם פערפרוירענעם פענסטער, בשעת ס'פלעגט האַלטען ביים נאַכט ווערען, און צו זוכען מיט דעם וואַרימען אָטהעם צוצושמעלצען די אייז פיגורען פון אויף די שויבען, כדי צו פערזינקען אונזערע קינדערישע בליקען אין דער פונקעלדיגער שטערן וועלט פון איבער די גלאַנציגע שנעע פעלדער. דער קלאָהרער היכעל איז פאַר אונז דעמאָלט ערשיענען אַלס אַ רונדער קופּעל, וועלכענס וועגט זיינען בעדעקט מיט אַ הימעל-בלויעם מוך און זיינע ברעגעס שפאַרען זיך אָן אויף דער ערד. אין דעם רונדען קופּעל זיינען געוועזען אונצייהלבאַרע גרעסערע און קלייגערע לעכער, דורך וועלכע ס'האָט דורכגעזעצט דאָס ליכט פון דער הימלישער הערליכקייט, צו בעלויכטען די ערד, כדי מיר זאָלען אויך האָבען אַ בעגריף פון דעם גלענצענדען פראַכט און ערהאַבענעם.

ס'איז פון איין הימעל צו אַ צווייטען. ס'הייסט, אַז צו געהן פון דער אונטערשטער אָבערפלעכע פון איין הימעל ביז צו דער אונטערשטער אָבערפלעכע פון דעם צווייטען היכעל וואָלט געדויערט 1000 יאָהר.

מחמעד האָט די לעהרע וועגען די זיבען הימלען גע'גנב'ט פון דעם תלמוד.

ווי ס'איז צו זעהן רעדען יודען, קריסטען און מאַחמעדאַנער פון פערשיעדענע ספערעס אָדער הימלען, וועלכע ליגען ווי שאָלעכצער אַרום דער ערד. דער גלויבען אין די פילע הימלען איז נאָך היינט צי טאָג וועהר שטאַרק פערשפרייט ביים פאָלק. ס'איז אויך דאָ אַ שפּריכוואָרט: „אין זיבעטען הימעל״.

פרידען, וועלכע פילען אָן דעם רוים פון די הימלען. אונזער קינ־דישע פאַנטאַזיע האט אין די אונצייהלבאַרע שטערן פון דער נאַכט געזעהן בלויז קליינע לעכער דורך וועלכע ס'שטעהט אין פערבינדונג די וואָהנונג פון גאָט מיט דער וואָהנונג פון די מענשען.

אלץ אַזוי קינדיש, ווי דיזע פאַנטאַזיע, איז געווען די פטאָלאָ־מעאישע אויפפאַסונג, וועלכע האט געהערשט אונגעשטערט, אין די קריסטליכע לענדער, ביז אין 1543.

די געשיכטע פון די טעות'ן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען, האָט אַם מ'ינסטענס צו טהון מיט לאַנגע פעריאָדען: מיט וויפיעל גרעסער אַ טעות איז געווען דעסטאָ מעהר האָט מען אין איהם געגלויבט און דעסטאָ לענגער האָט ער געדויערט; דאָס איז דערפאַר, מחמת די מענשהייט געהט נאָך אין קינדער שיכעלאַך, און די חלומות און פאַנטאַסטישע באָבע מעשיות האָבען נאָך אַ גרויסע ווירקונג אויף די אונוויסענדע נשמות פון די מענשען.

אין יאָהר 1543 איז ערשיענען דאָס וועלט־איבערקעהרענדע ווערק פון דעם פוילישען אַסטראָנאָמער קאָפערניקוס, וועל־כער האָט קלאָהר אויסגעדריקט אין מיט וויסענשאַפטליכע בעווייזע איבערצייגט די בעהויפטונג:

אַז די ערד שטעהט ניט אין דעם מיטעל־פונקט פון דעם וועלט־רוים, זאָנדערן זי איז אַ פלאַנעט, וואָס בעוועגט זיך אַרום דער זונן.

די אַסטראָנאָמיע איז געווען די גענויסטע פון אַלע וויסענשאַפטען, וועלכע האָט געגעבען אַ טויט קלאַפ דער בעשאַ־פונגס געשיכטע פון משה'ן. די אסטראָנאָמיע האָט אַריינגעקוקט אין דער מעכאַניק פון דעם אוניווערזום און זי האָט געבראַכט מאַטהע־מאַטישע בעווייזע, דאָס אונזער ערד איז נאָר אַ קליינער וואַנדער שטערן, אַ שטויבעלע פון די זוננען, וואָס שווימט אַרום אין דעם וועלט רוים.

איצט ווייסט יעדעס שוהל קינד פון צוועלף אָדער פיערצעהן

יאָהר, דאָס אונזער ערד דרעהט זיך אַרום איהר אייגענער אַקסע איין מאָל אין יעדע 24 שטונדען, און אין פֿערלויף פֿון אַ יאָהר מאַכט זי אַ שפּאַציר אַרום דער זונן; ער ווייסט, אַז די ערד שטעהט פֿאַר דער זונן גראַדע ווי די אנדערע פלאַנעטען ווענוס, מאַרס, יופּיטער, סאַטורן און אַנדערע קליינע קערפּער פֿון דעם הימעל, אין אַ מין דיענענדע, אונטערגעוואָרפֿענע פֿערהעלטניסע; ער ווייסט אַז די לבנה איז אַ סאַטעליט פֿון דער ערד, אַז דער פלאַנעט יופּיטער האָט עטליכע לבנות, אַז דער פלאַנעט סאַטורן האָט אַרום זיך אַ סיסטעם פֿון רינגען און עטליכע לבנות, אַז די מאַטעריע פֿון יענעם פלאַנעט איז נאָר זיבען צעהנטעל אַזוי שווער ווי דאָס וואַסער, און אַז דאָס יאָהר פֿון סאַטורן איז אַזוי גרויס ווי נײַן און צוואַנציג יאָהרען פֿון דער ערד, און אַזוי ווייטער.

די אַסטראָנאָמיע דרינגט אַריין מיט איהרע אינסטרומענטען אין דער ווייטסטער טיעפֿקייט פֿון דעם וועלט־רוים; זי בערעכענט דעם לויף פֿון די שטערן, וועלכע וואַנדערן; זי זאָגט פֿאָר מיט יאָהרהונדערטע פֿריהער אַלע ליקוי חמה'ס און ליקוי לבנה'ס אַזוי גענוי, דאָס עס פֿעהלט ניט קיין מינוט אפילו, די ערשיינונגען געשעהן פּונקט דעמאָלט ווי ס'איז אויסגערעכענט; זי ערמעגליכט צו וויסען די געוויכט פֿון די פלאַנעטען, זי לעגט אַרויף אויף דער וואָגשאָהל פֿון דער רעכען־קונסט אונזער גאַנצע ערד און דעם פֿייער־דיגען קוגעל פֿון דער זונן, זי האָט די אונענדערבאַרע געזעצען פֿון דער נאַטור קלאָהר געמאַכט אין גענויע ציפֿערען פֿאַר דעם מענש־ליכען גייסט; זי איז געוועזן די ערשטע פֿון די נאַטור וויסענשאַפֿ־טען, וועלכע האָט געבראַכט דאָס העלע ליכט פֿון ער־קענטעניס אויף דעם פלאַץ פֿון קינדישע גלויבענס און פֿאַנטאַסטישע טעות'ן.

דאָס האָט אָבער די קירכע ניט געוואָלט דולדען.

אויס מורא פֿאַר דיזער אינסטיטוציע, וואָס איז אַזוי פֿיינדליך צום וויסען, האָט קאָפּערניקוס געלאָזט פֿערעפֿענטליכען זיין ווערק ערשט דעמאָלט, ווען ער איז שוין געוועזן אַלט און האָט ערוואַרטעט דעם טויט, כאָטש ער האָט דאָס ווערק געהאַט געענדיגט נאָך אין

1507. (36 יאָהרען לאַנג האָט קאָפּערניקוס בעהאַלטען זיין ער־קענטעניס פֿאַר זיך אַליין, מחמת ער האָט געוואוסט, דאָס ווען ער וועט דעם אמת עפֿענטליך ערקלעהרען וועלען איהם די גלויבענס דיטער געבען צו פֿיהלען דעם טעם פֿון דעם פֿאָלטער).

דער בעריהמטער אַסטראָנאָם איז געשטאָרבען אין דעם זעל־בען יאָהר 1543, אין וועלכען זיין ווערק איז פֿערעפֿענטליכט געוואָרען זיין נאַטירליכער טויט איז געווען פֿאַר איהם אַ גרויסע טובה, מחמת די קירכע האָט בעטראַכט זיין לעהרע אַלס אַ שרעק־ליכע קעצעריי, אַלס אַ געפֿעהרליכע אפיקורסות. זי האָט דאָך ווידערשפּראָכען אויף אַ ענטשלאָסענער אופֿן דעם גלויבען אין דעם „ענטפּלעקטען אמת". אַז די קירכע האָט אין אַזעלכע וויסענשאַפֿט־ליכע פֿראַגען ניט פֿערשטאַנען קיין שפּאַס. האָט זיך גאַנץ דייטליך אַרויסגעצייגט מיט 57 יאָהר שפּעטער, ווען אין 17-טען פֿעברואַר 1600 איז אין רוים אויפֿגעהויבען געוואָרען אַ שייטערהויפֿען, אויף וועלכען מען האָט פֿערברענט לעבעדיגערהייט אַלס קעצער, אַלס אַפּיקורס, איינעם פֿון די גרעסטע מענשען און געלעהרטע פֿון יענער צייט, דעם בעריהמטען זשיאָרדאַנאָ ברונאָ. דאָס איז געווען אַ גרויסער געלעהרענטער און דיכטער, אַ גרויסער מענש וועלכער האָט געזוכט און אַנערקענט דעם אמת; ער האָט קיין אַנדערע קעצעריי ניט בעגאַנגען, ווי ער האָט אין זיינע ווערק געלויבט קאָ־פּערניקוס לעהרע און ערקלעהרט, אַז זי האָט אַ פֿילאָזאָפֿישען ווערטה.

מיט 90 יאָהר נאָך דער פֿערעפֿענטליכונג פֿון דעם קאָפּער־ניקאַנישען וועלט סיסטעם האָט די קירכע געשלעפּט פֿאַר דעם געריכט פֿון דער אינקוויזיציע אין רוים דעם דעמאָלטדיגען גרויסען פֿיזיקער און אַסטראָנאָם גאַליל עאוס גאַלילעי, און מען האָט איהם געצוואונגען אָבצולייקענען זיינע וויסענשאַפֿטליכע איבערציי־גונגען פֿאַר גלחים, קאַרדינאַלען און אינקוויזיציאָנס ריכטער, וועלכע האָבען פֿילייכט ניט פֿערשטאַנען צו רעכענען אַפֿילו מיט צעהנדליגע. די אונגווויסענדע האָבען געהאַט די אָבערמאַכט און זיי האָבען גאַנץ גוט פֿערשטאַנען ווי צו געברויכען די מאַכט פֿאַר זייערע נוצען.

דער וויסענשאַפטליכער אמת איז אָבער מעכטיגער אַלס דער אונוויסענדער גלויבען און סוף כל סוף, נאָך צוויי יאָהרהונדערטע פון קאַמפף, האָט דאָך קאָפערניקוס געזיעגט איבער משה'ן, אַזוי דאָס איצט לערענט מען מיט די קינדער, אַפילו אין די קריסט־ליכע שוהלען, אָט יענעם אמת. פאַר וועלכען זשיאָרדאַנאָ ברונאָ איז פון די גלויביגע פערברענט געוואָרען.

די קירכע האָט זיך צוגעפאַסט אַביסעל צו די בעדינגונגען, וואָס דער זיעג פון דעם קאָפערניקאַנישען אמת האָט געשאַפען. זי איז, ווי די ערפאַהרונג לעהרענט אונז, ניט אונטערגעגאַנגען, זי איז דאָך געבליבען אַ געגנערין פון דער פאָרטשריט פון די נאַטור וויסענשאַפטען, זי האָט געזוכט דאָס וויסען וואָס מעהר צו בע־שרענקען, און האָט געוואָלט האַלטען פריי דאָס ברייטע פעלד פון אונוויסענהייט נאָר פאַר דעם גלויבען. דאָס האָט גאָר ניט בייגע־טראָגען צו איהר כבוד און אויב זי וועט זיך אויך אין דער צוקונפט ניט ענדערען, דאַן וועט פאַר איהר ווערען זעהר שלעכט.

ס'איז ניט אונזער אויפגאַבע צו שילדערן די ענטוויקלונג פון דער נאַטור וויסענשאַפטליכער ערקענטניס אין דעם פאָריגע יאָהר־הונדערטע. די ערפינדונג פון דער בוך דרוק־קונסט, די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ, די רעפאָרמאַציאָן, דאָס ווידער שטודירען די קלאַ־סישע ליטעראַטורען, און דאָס שטרעבען נאָך דאָס פילאָזאָפישע דענקען, וואָס ווערט אַלץ מעכטיגער פון טאָג צו טאָג — אָט דאָס אַלעס און אַנדערע אורזאַכען האָבען סוף כל סוף געפיהרט דערצו אז דאָס מענשליכע ערקענטניס זאָל זיך אָנפאַנגען בעשעפטיגען פיעל מעהרער, ווי בעפאָר, מיט דעם אַלגעמיינעם פעלד פון די נאַטור געשעהענישע, כדי צו לעהרנען צו פערשטעהען די וועלט פון ווירקליכקייט, די ממשות'דיגע וועלט, וועלכע מיר קענען אויפ־נעהמען מיט אונזערע חושים.

דיזע טיעפע פאָרשונג אין'ם רייך פון דער נאַטור, וואָס איז ביז דאָ ניט לאַנג צוריק פעראַכטעט געוואָרען, האָט נאָך אין 18-טען יאָהרהונדערט געמאַכט אַנ'אָנפאַנג, וואָס האָט פיעל פערשפראָכען. די נאַטור וויסענשאַפטען האָבען שוין דעמאָלט אָנגעפאַנגען צו

ווערען אַ מאַכט, זיי זיינען אָבער נאָך אַ לאַנגע צייט, ביז ווייט אַריין אין דעם 19-טען יאָהרהונדערט פעַרפאָלגט און בעשרענקט געוואָרען פון די פאָראורטהיילע פון דעם גלויבען אין אָנפאַנג פון דעם 19-טען יאָהרהונדערט, וועלכעס ווערט גערופען דאָס יאָהר-הונדערט פון דער נאַטור וויסענשאַפטליכער אייפקלעהרונג, האָט לאַמאַרק מיט זיין לעהרע וועגען דער אָבשטאַמונג פון די מינים זעהר וועניגע אַנהעננער געפונען; דאָס איז געשעהן דורך די רעליגיעזע פאָראורטהיילע, אָבער אויך דורך דעם מחמת די לעהרע פון דעם פראַנצויזישען פאָרשער, וואָס ער האָט פערעפענטליכט אין זיין ווערק די „פילאָזאָפישע זאָאָלאָגיע" אין 1909, איז געווען זעהר שוואַך בעגרינדעט.

אין יאָהר 1830, אין דער צייט פון דער יולי רעוואָלוציאָן אין פאַריז, זיינען געשטאַנען אין דער פראַנצויזישער אַקאַ־עמיע פון וויסענשאַפטען איינע גענען די צווייטע, אַלס שארפע שונאים, דער גלויבען אין דעם ענטפלעקטען אמת און די פערנונפט, און זיי האָבען געפיהרט אַ ענטשלאָסענעם קאַמפף. אויף איין זייט איז געשטאַנען קוּאוויע, אַנ'אָנהעננער פון משה׳ס געשיכטע וועגען מבול, ער האָט זאָגאַר בעהויפטעט, אַז עס איז ניט געווען נאָר איין מבול, זאָנדערן מעהרערע, און אויף דער צווייטער זייט איז געשטאַנען זשעאָפראָיסט. הילער, וועלכער האָט בעקעמפפט דיזען גלויבען. דער שטרייט האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג די געלעהרטע און די פּרעסע האָבען זיך מיט איהם פיעל בעשעפטיגט. די פראַנ־צויזישע אַקאַדעמיע האָט דעמאָלט נאָך געפאַסט אַ בעשלוס צו גונסטען דער אַלטער לעהרע; דאָס איז אָבער געווען דער לעצ־טער זיעג, וואָס די מאָזאאישע טראַדיציאָן האָט געהאַט אין אַ קער־פערשאַפט פון נאַטור-וויסענשאַפטליך געבילדעטע און געלעהרטע לייט.

אין דעם זעלבען יאָהר — אין יוני 1830 — איז ערשיענען די ערשטע אויפלאַגע פון דעם בערייטענדען ענגלישען ווערק, „די גרונד פּרינציפּען פון דער געאָלאָגיע", פון טשאַרלס ליעל, אין וועלכען עס איז אויף אַ זעהר קלאָהרען

אופן בעוויזען געוואָרען, דאָס ס'איז גיט געוועזן קיין מבול אין דעם זין ווי משה האָט בעהויפטעט, און מעהרערע מבול'ס אודאי גיט, זאָנדערן אין די פערשיעדענע געאָלאָגישע פעריאָדען איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיגע, אַלץ פאָרוועטס און פאָרוועטס געהענדע ענטוויקלונג פון דעם אָרגאַנישען לעבען.

דיזער בוך איז אין צעהן יאָהר צייט, פון 1830 ביז 1840, ערשיענען אין זעקס אויפלאַגען, אַלע אין דער ענגלישער שפראַך, און האָט געהאַט זעהר אַ גרויסען איינפלוס אויף דער וויטערדיגער ענטוויקלונג פון דער געאָלאָגיע. מען האָט אַנערקענט, אַז די ערד־רינדע האָט אַ נאַטירליכע ענטוויקלונגס געשיכטע, אַז אין דער פערגאַנגענהייט זיינען געוועזן טהעטיג די זעלבע קרעפטען, וועלכע זיינען נאָך היינט צו טאָג טהעטיג אין דער נאַטור; די וויסענשאַפט האָט ניט נייטיג צו זוכען „וואונדער", כדי זיך צו ערקלעהרען די ערשיינונגען פון אויף דער ערד, פערקעהרט, אַלעס פון דער פערגאַנגענהייט און פון דער געגענוואַרט קען ערקלעהרט ווערען נאָר דורך דער טהעטיגקייט און דורך דער ווירקונג פון די בעקאַנטע נאַטור קרעפטען.

אין דער צייט האָבען זיך פערמעהרט אין דעם לאַגער פון די נאַטור פאָרשער אַזעלכע שטימען, וועלכע האָבען מעהר אָדער וועניגער דייטליך אויסגעדריקט דעם אָבשטאַמונגס געדאַנק. ס'איז דורך דעם קיין גרויסער ליאַרעם ניט ענטשטאַנען, ווייל די קירכע איז געוועזן אויף אזוי פיעל קלוג איינצוערקענען, אַז ס'איז פאַר איהר נים פאַראַנען קיין געפאַהר, כל זמן די אַפיקורסישע געדאַנקען ווערען נאָר אויסגעדריקט צווישען געלעהרטע און דאָס פאָלק געהט זיך שטילשווייגענד אויף דעם וועג פון גלויבען.

דאַרווין און זיין צייט.

דיא אָבשטאַמונגס אידעע, וועלכע איז איבערגעטרעטען די שוועל פֿון דעם בעוואוסטזיין, נאָך מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, ביי די אַלטע גריכישע פֿילאָזאָפֿען, און איז דאַן אויפֿגעטרעסעלט געוואָרען פֿון שלאָף אין יאָהר 1809 פֿון דעם פֿראַנצויזישען געלעהרטע לאַמאַרק, וועלכער האָט זי דאָך ניט געקענט ריכטיג אויפֿוועקען: אָט דיזער גרויסער געדאַנק האָט ניט געקענט מעהר רוהען. ער האָט געבליצט אויף דעם גייסטעס האָריזאָנט פון דער צייט, באַלד דאָ, באַלד דאָרט, נאָר ער האָט נאָך ניט אויסגעזעצט אין אַ קנאַלענדען דונער. דער שטורם איז דאָך געלעגען אין דער לופֿט, און ער האָט געקענט יעדע רגע אויסברעכען; ער האָט ווירקליך אויסגעבראָכען אין כוף יאָהר 1859, ווען ס'איז ערשיענען דאָס וויכטיגסטע ווערק פֿון משאַרלס דאַרווין.

דיזעס ווערק. „איבער דער ענטשטעהונג פֿון די מינים דורך נאַטירליכען אויסוואַהל אָדער די ערהאַלטונג פֿון די בעגינסטיגטע ראַסען אין דעם קאַמפף אום דאָס דאַזיין", ענטהאַלט די געדאַנקען און די פֿאָרשונגס אַרבייט פֿון צוויי און צוואַנציג יאָהר. די פֿערעפֿענטליכונג פֿון דעם ווערק איז געוועזן אַ וועלט־געשיכטליכע טהאַט, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע בעדייטונג, ווי די פֿערעפֿענטליכונג פֿון קאָפּערניקוס'ס ווערק.

אין דער ווירקליכקייט איז דאַרווין, ווי דובאָ־רייזמאָנד, אַ פּרעזידענט פֿון דער בערלינער אקאַדעמיע, האָט איהם גערופֿען, דער קאָפּערניקוס פֿון דער אָרגאַנישער וועלט (פֿון דער וועלט פֿון לעבעדיגע בעשעפֿענישע).

אַז דאָס העכערע שטאַמט אָב פֿון דעם נידעריגערען, אַז דאָס פֿאָלקאָמענערע איז אַרויסגעקומען פֿון עפּעס וואָס איז געוועזן ווע־ניגער פֿאָלקאָמען, דאָס האָבען איינינע דענקער און פֿאָרשער

אַרויסגעזאָגט נאָך בעפֿאָר דאַרווינ'ן; דער אָבשטאַמונגס אמת האָט אָבער ערשט געקענט האָבען אַ בעלעבענדע און בעגייסטערענדע ווירקונג, דעמאָלט, ווען ער איז בעגליים געוואָרען פֿון אַ זשעני־אַלער טהעאָריע, וועלכע האָט ערקלעהרט די אַרט און ווייזע, דעם „ווי" פֿון דער ענטוויקלונג. מען קען ריכטיג זאָגען, אַז די דאַר־ווינ'ישע אייסוואַהל לעהרע איז די גאָלדענע פּריים, אין וועלכע דער גרויסער דיאַמאַנט, דער אָבשטאַמונגס-אמת איז איינגעפֿאַסט. אָבער גראַדע דורך דער גלענצענדער איינפֿאַסונג אין דעם עכטען גאָלד פֿון דער וויסענשאַפֿטליכער אַרגומענטאַציאָן און פֿון די וויסענ־שאַפֿטליכע בעווייזע, איז מעגליך געוואָרען ריכטיג אָבצושעצען דעם ווערטה פֿון יענעם פּרעכטיגען עדעלשטיין.

דאַרווינ'ס בוך איז ערשיענען אין אַ פֿאָרמיטאָג, אין סוף יאָהר 1859, אין אָבענד פֿון דעם זעלבען טאָג איז די ערשטע אויפֿלאַגע געוועזען אין גאַנצען אייספֿערקויפֿט. ס'זיינען דאַן ערשיענען אויפֿלאַגען נאָך אויפֿלאַגען און דאָס ווערק איז אייך איבערזעצט געוואָרען אין אַלע שפּראַכען פֿון דער ציוויליזירטער וועלט. זיין לעהרע וועגען דער אָבשטאַמונג און ענטוויקלונג פֿון די מינים פּפֿלאַנצען און חיות, וועלכע מען האָט פֿריהער געדעכענט, אַז זיי זיינען אונפֿערענדערליך אויף אייביג, אָט דיזע רעוואָלוציאָנער'ע לעהרע האָט געטראָפֿען ווי אַ מעכטיגער בליץ אין דעם לאַגער פֿון די נאַטור פֿאָרשער, אין וועלכען ס'האָבען זיך נאָך געפֿונען פֿיעלע אַלטע הערען, סאָל־דאַטען פֿון דער קירכע, וועלכע זיינען געווען פֿערזונקען אין דעם טיעפֿען שלאָף פֿון גלויבען ס'איז געוועזען אין דער ווירקליכקייט אַ גייסטיגער שטורם, וועלכער האָט אויסגעבראָכען און זיך צושפּרייט אויף דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, אָבריינינגענדיג די פֿעלדער פֿון די דערנער.

האַבענדיג אין האַנד טויזענדער אין טויזענדער נאַטירליכע טהאַטזאַכען האָט דאַרווין געבראַכט דעם בעווייז, אַז די העכערע אָרגאַניזמען שטאַמען אָב פֿון די נידעריגערע פֿאָרמען, אַז די לעבעדיגע בעשעפֿעניסע, פּפֿלאַנצען, חיות און מענשען, האָבען געמוזט האָבען זייער אורשפּרונג און די איינפֿאַכסטע לעבענס-פֿאָרמען און

זיי האָבען זיך געמוזט שטענדיג ע נ ט וו י ק ל ע ן, לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, אַלץ ווייטער און ווייטער אין פערלויף פון מיליאָנען יאָהרען (נאָר דורך דעם נאַטירליכען געזעץ פון צופאַסען זיך צו די אַרומיגע בעדינגונגען אין דעם קאַמפף אום דאָס דאַזיין) צו אַלץ העכערע שטופען, צו אַלץ „פאָלקאָמענערע" וועזענס.

דיזע לעהרע איז אַזוי איינפאַך און אַזוי איבערציייגענד, דאָס מיר דענקען, אַז מען קען איהר ערקלעהרען פאַר סאַי וועלכען מיטעלמעסיג בעגאַבטען שיהלער פון פיערצעהן יאָהר, און ער זאָל זי לייכט פערשטעהן. אָבער די קירכע, איהרע פערוואַלטער און צאָהללאָזע פריינד שטעלען זיך געגען דער אָבשטאַמונגס לעהרע, אַלץ אַזוי ווי זיי האָבען עס געטהון, צו זיין צייט, געגען דעם געדאַנק פון דעם קאָפּערניקאַנישען סיסטעם, וועלכער האָט איבערגעקעהרט וועלטען.

אין דעם יאָהר 1859 האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קאַמפף, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גלייכען צו זיך אין דער קולטור־געשיכטע פון דער מענשהייט זינט די טעג פון דער רעפאָרמאַציאָן.

אונטער די נאַטור פאָרשער, וועלכע האָבען דעמאָלט געלעבט, האָבען זיך געפונען, ווי מיר האָבען שוין בעמערקט, פיעלע אַלטע הערען, וועלכע האָבען זייער וועלט אַנשייאונג (אויב זיי האָבען איבערהויפּט אַ וועלט אַנשוויאונג געהאַט) געשטיצט אויף משה'ן און זיי האָבען נאָך געגלויבט, אַז די וועלט בעשאַפונג איז געשעהן דורך וואונדער. דיזע זאָגענאַנטע געלעהרטע האָבען זיך געשטעלט געגען דאַרווינ'ס לעהרע. איינינע פון זיי אָבער, די יעניגע, וועלכע האָבען זיך גענומען פלייסיג און ערענסט שטודירען דאַרווינ'ס ווערק, כדי אַרויסצוציייגען זיינע טעות'ן, האָבען זיך אָבגעקעהרט פון זייערע פאָראורטהיילע און זיי זיינען געוואָרען פון געגנער: וואַרימע פריינד און הייסע פערטהיידיגער פון דער אָבשטאַמונגס לעהרע.

אַנדערע זיינען געבליבען פער'עקשנ'ט און זיי זיינען געשטאָרבען אַלס געגנער פון דעם ענטוויקלונגס געדאַנק. דער טויט איז אַ מיטהעלפער פון דעם פאָרטשריט.

אָבער די נאַטורפאָרשער, וועלכע זיינען ניט געווען געפאַנגען

אין דעם נעץ פון גלויבען, די נאַטורפאָ־שער פון דעם ערשטען ראַנג, די יונגע געלעהרטע, וועלכע זיינען געווען בעגאַבט מיט אַ זעלבסטשטענדיגען פאָרשונגס-גייסט, האָבען זיך געשטעלט אויף דאַרווינ'ס זייט. לערך צוויי צעהנדליגע יאָהרען האָט געדויערט דער קאַמפף ביי די נאַטורפאָרשער, צווישען די אָנהענגער און די געגנער פון דער אָבשטאַמונגס-לעהרע. אָבער אַלץ וועניגער און וועניגער זיינען געוואָרען די געגנער און אַלץ גרעסער און גרעסער איז גע־וואָרען די צאָהל אַנהענגער, ביז דער זיעג פון דער דאַרווינ'ישע טהעאָריע איז געוואָרען אַ פאָלשטענדיגער צווישען די פאָרשער. אַפילו די אויטאָריטעטען, וועלכע האָבען ניט געקענט אַנערקענען דעם פרינציפ פון דעם נאַטירליכען אויסוואַהל אין'ם קאַמפף אום דאָס דאַזיין (מחמת גראַדע דער פרינציפ מאַכט אַוועק מיט דער נויטווענדיגקייט אין אַ איבערנאַטירליכען טהעטיגען שעפפער), אַפילו די פרומע געגנער פון דעם אויסוואַהל לעהרע האָבען געמוזט צוגעבען, דאָס מען קען קוים בעשטרייטען די אָבשטאַמונגס-טהעאָריע. איינער פון דיזע פרומע אויטאָריטעטען איז ניט געווען קיין קליינערער געלעהרטער, ווי פראָפעסאָר דר. אָסוואַלד העער*) אין וועמענס וויסענשאַפטליכקייט מען קען גאָר ניט צווייפלען, גראַדע ווי מען קען גאָר ניט צווייפלען אין זיין גלויביגער פרומ־קייט. ער האָט ביי זיך גע'פועל'ט צו פעראייניגען דעם אָבשטאַ־מונגס-געדאַנק מיט זיין מעטאַפיזישער בעדירפעניס אין אַ שאַפער פון דער וועלט. דר. העער האָט בעהויפטעט, אַז דער איבערנאַטירליכער שעפפער האָט זיך אלע מאָל אַריינגעמישט אין דער ענטוויקלונג פון די לעבעדיגע ברואים; אין די פערשיעדענע פעריאָדען, דורך וועל־כער ס'איז דורכגעגאַנגען די ענטוויקלונג פון דער ערד, האָט „דער העַרר גאָט" איבערגעענדערט און פערפאָלקאָמט די עקזיסטירענדע חיות און פפלאַנצען. אין גרונד גענומען איז אָבער דיזע איבערענ־דערונג ניט עפּעס אַנדערש ווי דיזעלבע אָבשטאַמונג: דאָס העבערע

*) דר. אָסוואַלד העער: פראָפעסאָר אין דער אוניווערזיטעט פון ציריך; נאָך זיין טויט האָט פראָפעסאָר דאָדעל, דער פערפאַסער פון דעם ווערק („משה אָדער דאַרווין") פערנומען זיין פּלאַץ.

שטאַמט פֿון נידעריגערען; און לויט דער בעהויפּטונג קומט אויך אויס, אַז די אור-עלטערן פֿון די מענשען האָבען געמוזט זיין חיות, גראַדע ווי דער דאַרוויניזמוס לעהרענט.

פֿאַר דער פֿערשפּרייטונג פון דער דאַרווינ׳ישער לעהרע האָבען אין די זעכציגער יאָהרען געווירקט אין דייטשלאַנד: העקעל אין יענאַ, נעגעלי אין מינכען, און קעליקער אין ווירצבורג, דורך די פֿאָרלעזונגען, וואָס זיי האָבען געהאַלטען אין די דאָרטיגע האָכשוהלען, האָבען זיי זיך עפֿענטליך ערקלעהרט אַלס אָנהענגער פֿון דער אָבשטאַמונגס לעהרע. איינינע אַנדערע געלעהרטע האָבען בעהאַנדעלט דעם זעלבען ענין אין פּאָפּולערע שריפֿטען; צווישען דיזע געלעהרטע האָבען זיך נעפֿונען דוב, זיידליץ, לודוויג ביכנער, שפּעטער צו אויך קאַרוס שטערן, דאַן אין איטאַליען דער בעקאַנטער זאָאָלאָג (געלעהרטער אין דער וויסענשאַפֿט וואָס בעשעפֿטיגט זיך מיט חיות און עופֿות), קאַנעסטריני פֿון פּאַדואַ *).

מען קען פֿאָלשטענדיג זאָגען, אָהנע זיך צו מאַכען שולדיג אין איבערטרייבונג, אַז זינט די זיבעציגער יאָהרען (פֿון דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט) האָט די אָבשטאַמונגס-לעהרע אין די דייטשע אוניווערזיטעטען עפֿענטליכע פֿערטרעטער. ביי די פֿאָרשער וועלכע בעשעפֿטיגען זיך מיט די לעבעדיגע און מיט די טויטע ברואים, איז די אָבשטאַמונג מעהר קיין פֿראַגע ניט, זי איז ביי זיי אַ טהאַטזאַך — מען דעבאַטירט מעהר ניט איבער איהר און ווען איינער זאָל אויף אַ קאָנגרעס פֿון נאַטור פֿאָרשער וועלען ווייטער דעבאַטירען וועגען דער פֿראַגע: ווער ס׳איז גערעכט: דאַרווין מיט זיין אָב-

*) אין אָנפֿאַנג פֿון די זיבערציגער יאָהרען האָט אויך פּראָפֿעסאָר דאָדעל אַליין, זייענדיג אַ פּריוואַט דאָצענט אין ציריך, געוואַגט (מען האָט דאָס דע-מאָלט געמוזט וואַגען) זיך עפֿענטליך צו ערקלעהרען, דורך די פֿאָרלעזונגען וואָס ער האָט געהאַלטען אין די דאָרטיגע האָכשוהלען (די אוניווערזיטעט און דאָס פּאָליטעכניקום), פֿאַר דער אָבשטאַמונגס לעהרע. זיינע פֿאָרלעזונגען זיינען אויפֿגענומען געוואָרען מיט גרויסער בעגייסטערונג און דער דאַרוויניזם איז זינט דעמאָלט עפֿענטליך געלעהרענט געוואָרען אין יענע שוהלען.

שטאַמונגס-לעהרע אָדער משה מיט זיין בעשאַפען די וועלט דורך וואונדער? וואָלט מען איהם אויסגעלאַכט און מען וואָלט איהם געשיקט צו אַ דאָקטאָר, ער זאָל אונטערזוכען זיינע געהירען. אויף אזוי וייט פאָלשטענדיג איז דער זיעג פון דאַרווינ'ס לעהרע.

אַפילו די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע, וועלכע איז די געלעהרטעסטע אָבער אויך די קאָנסערוואַטיווסטע קערפערשאַפט אין פראַנקרייך, און וועלכע האָט זיך פערהאַלטען אַ צייט געגנעריש צו דאַרווינ'ס לעהרע איז סוף כל סוף אויך געקומען צום אמת און זי איז געוואָרען אַנ'אַנהענגערין פון דער אָבשטאַמונגס-טהעאָריע. דאַרווין האָט זאָגאַר דערלעבט ערנאַנט צו ווערען אַלס עהרען-מיטגליד פון דיזער קערפערשאַפט.

כמעט דאָס זעלבע איז געשעהן מיט דער בערלינער אַקאַדעמיע, איהר פרעזידענט דובאָ-ריימאָנד איז געוועזן איינער פון די ערשטע געלעהרטע, וועלכע האָבען אַנערקענט די ריכטיגקייט פון דעם דאַרוויניזמוס. די אָבשטאַמונגס לעהרע איז אויך אַנערקענט געוואָרען פון דער פעטערבורגער אַקאַדעמיע פון וויסענשאַפטען, אויך פון דער עסטרייכישער אַקאַדעמיע. ס'הייסט אַפילו אין אַזעלכע לענדער וואו די קירכע האָט די אויבערהאַנד, וואו זי געוועלטיגט נאָך אין איהר פולער מאַכט, האָבען די געלעהרטע ניט געקענט פערלייקענען דעם אמת. די איטאַליענישע געלעהרטע געזעלשאַפטען — עס פערשטעהט זין אין אויסנאַהמע פון דעם קאַרדינאַלען-קאָלעגיום פון וואַטיקאַן *) — האָבען זיך אויך ערקלעהרט פאַר דער אָבשטאַמונגס לעהרע. וואָס כמעט אַלע געזעלשאַפטען פון געלעהרטע אין ענגלאַנד האָבען דאַרווינ'ן געמאַכט פאַר זייערען אַ עהרען-מיטגליעד, וואונדערט גאָר ניט, וויסענדיג וויפיעל דאָס ענגלישע פאָלק האָט בייגעטראָגען צו דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג.

דאָס אַלעס איז געשעהן ביז מיט צוויי צעהנדליגע יאָהרען נאָך דעם וואָס דאַרווינ'ס לעהרע איז בעקאַנט געוואָרען אויף דער וועלט.

---

*) וואַטיקאַן: דאָס פויפסטליכע הויף אין רוים.

אַזוי איז עס געשעהן ביי די געלעהרטע, אָבער גאַנץ אַנדערש איז געווען די שטעלונג פֿון די העלדען פֿון דער קירכע. זיי זיינען געבליבען געגנער פֿון דער אָבשטאַמונגס לעהרע, און ס'האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ געשריי פֿון אויפֿרעגונג צווישען די סטאַדעס פֿון די גייסטליכע פאַסטוכער, צווישען די כלי קודש:

„ווי? די נאַטור פֿאָרשער זאָלען וואַגען טאַקי אין ערענסט צו ערקלעהרען, אַז די מענשען שטאַמען פֿון חיות? ווי? דאָס מענשען-געשלעכט — אונזער אייגענעס געטליכעס געשלעכט — זאָל שטאַמען פֿון נידעריגערע ברואים, און זאָגאַר פֿון אַזעלכע בעשעפֿניסע וואָס זיינען געווען עהנליך צו אַפֿען?"

אַזוי האָבען זיי געשריען און דער ליאַרם איז געווען זעהר גרויס אין דער קריסטליכער וועלט. די וועכטער פֿון די קירכען האָבען זיך אַלאָז געטהון צו די כלי זיין, זיך אָנגעגירט די לענדען, כדי צו פֿערניכטען „אין נאָמען פֿון גאָט" די דאַרוויניאַנער. די קירכע האָט אָנגעפֿאַנגען אַ ערענסטען קאַמפף געגען די נאַטור-פֿאָרשער, און ס'זיינען ערשינען אַ גאַנצער מבול פֿון ווערק געגען דעם דאַרוויניזמוס.

ס'מוז אָבער אָפֿען ערקלעהרט ווערען, אַז דער קאַמפף איז גאָר ניט געווען קיין גלייכער, די וואַפֿען זיינען געווען זעהר פֿערשיעדען. ס'איז געווען, למשל, ווי ווען היינט צו טאָג זאָלען די בני ישראל זיך צוזאַמעננעהמען אונטער דער פֿיהרונג פֿון זייער אַלטען יהושע, ווי אַמאָל פֿאַר די טויערען פֿון יריחו, בעלאַגערען די מעכטיגע פֿעסטונג פֿון שטראַסבורג, און זי וועלען אומוואַרפֿען מיט די צו־שמעטערענדע טענער פֿון די שופֿרות פֿון דעם יובל יאָהר *)

*) אין ספֿר יהושע, קאַפּיטעל זעקס, ווערט דערצעהלט, דאָס ווען די אידען זיינען, אין זייער גאַנג נאָך ירושלים, אונטער דער פֿיהרונג פֿון יהושע'ן, געקומען פֿאַר דער שטאָדט יריחו, האָבען זיי געפֿונען די טויערען פֿערשלאָסען; גאָט האָט דאַן געזאָגט צו יהושע'ן, דאָס זיינע קריגס לייט זאָלען זיך אַרומ־דרעהן אַרום דער פֿעסטונג פֿון דער שטאָדט זעקס מאָל און זעקס טעג; אין דעם זיבעטען טאָג זאָלען די כהנים נעהמען זיבען שופֿרות, מיט וועלכע מען האָט געבלאָזען אין דעם יובל יאָהר (שופֿרות היובלים), זיי זאָלען זיך אויך

די נאַטור-פאָרשער האָבען געקעמפפט שטעהענדיג אויף דעם באָדען פון אונבעשטרייטבאַרע טהאַטזאַכען און פון דעם געזונדען מענשען פערשטאַנד; זיי האָבען געבראַכט אויף דעם שלאַכטפעלד נאָר וויסענשאַפטליכע אמת'ן. אונצייהלבאַרע בעאָבאַכטונגען אוים דעם רייך פון דער לעבעדיגער נאַטור, וועלכע האָט זוי מיט אַ מאָל בעקומען לשון, דאָס לשון פון ערפאַהרונג און פון וויסענשאַפטליכען עקספערימענט, דורך וועלכען זי האָט פיעלע פון איהרע סודות אויסגעזאָגט; דאָס זיינען געווען מעכטיגע פערטהיידיגונגס וואַפען און זיי זיינען די טהעאָלאָגען כמעט גאָר ניט געווען בעקאַנט.

די קאַמפפסלוסטיגע טהעאָלאָגען האָבען, פערקעהרט, געקעמפפט בלויז מיט די וואַפען גלויבען און דאָגמאַטישע בעגריפע, וועלכע זיינען שוין שטומפפיג געוואָרען. די שופרות פון דעם יובל יאָהר האָבען ערשאַלט אַלץ אַזוי מעכטיג ווי פאַר די מויערן פון יריחו, דער מלחמה ליאַרעם איז אויך געווען גענוג געוואַלדיג, אָבער די מויערען פון דעם נייעם יריחו זיינען ניט מעהר איינגעפאַלען, גראַדע פערקעהרט, זיי האָבען צוריקגעשטויסען די אָנגרייפער; פיעלע פון זיי זיינען אַוועקגעפאַלען פערוואונדעט, ס'האָט זיך אָבער אויך געטראָפען, דאָס אַנדערע זיינען, אַנשטאָט איינגרייפער, געוואָרען פריינד און פערטהיידיגער.

ס'זיינען אוים יענעם ערשטען קאַמפף צווישען טהעאָלאָגיע און אָבשטאַמונגס-לעהרע, צווישען משה און דאַרווין בעקאַנט געוואָרען פיעלע מערקווירדיגע ערייגניסע. פיעלע טהעאָלאָגישע אַנטי דאַרוויניאַנער האָבען זיך אין זייער איילעניש צו קעמפפען גאָר פערגעסען, אַז זיי זיינען אונבעקאַנט מיט די וואַפען פון דעם געגנער, מיט דער נאַטורערקענטניס, און פיעלע פון דיזע קעמפפער האָבען זיך געמאַכט זעהר לעכערליך. איינינע, די מעהר קלוגערע טהע־

אַרומדרעהן מיט דעם אָרון זיבען מאָל אַרום דער שטאָדט, דאַן זיבען מאָל בלאָזען אין די שופ־ות און די אידען זאָלען מאַכען דערביי אַ גרויסען ליאַרעם. מען האָט אַקוראַט אַזוי געטהון, און פאַר די טענער פון די שופרות זיינען די מויערען פון יריחו איינגעפאַלען.

אַלאָגען האָבען זיך צוערשט גענומען אין פּיוואַט צו שטודירען די נאַטור לעהרען, כדי צו וויסען, וואָס די געגנער צו ענטפערן און — זיי זיינען אליין געוואָרען דאַרווינ'אַנער. גאָר אַנדערע טהעאָלאָגען האָבען תיכף איינגעזעהן אַז דער קאַמפּף איז גאָר ניט קיין גלייבער און זיי האָבען אָבגעלעגט די וואַפען, מחמת ס'איז געווען פאַר זיי קלאָהר, אַז דער געגנער וועט סאַי ווי סאַי זיעגען; זיי זיינען אַנשוויגען געוואָרען דענקענדיג ביי זיך, אַז דער גלויבען וועט זיך מוזען צופּאַסען צו דער נייער לעהרע. די צאָהל פון די דענקענדע טהעאָלאָגען איז שוין אַ גאַנץ גרויסער און זי ווערט אַלץ גרעסער; זיי וועלען אין גיכען זיין די מאַיאָריטעט.

ס'לוינט זיך, רענקען מיר, די מיה, זיך צו בעקענען מיט אייניגע געשעהעניסע אויס דעם קאַמפּף צווישען גלויבען און וויסענשאַפט, דען יענע געשעהעניסע זיינען זעהר בעלעהרענד און זיי פערשפּרעכען זעהר פיעל פאַר דער צוקונפט.

דער בעריהמטער, קריטיש פעהיגער טהעאָלאָג, דאַוויד פרידעריך שטרויס, האָט נאָך אין אָנפאַנג פון די זיבעציגער יאָהרען (פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט) זיך ערקלעהרט אין זיין ווערק „דער אַלטער און דער נייער גלויבען" אַלס בעגייסטערטער אָנהענגער פון דאַרווינ'ס אָבשטאַמונגס-לעהרע, און ער האָט זיין „נייעם גלויבען" געשטיצט אויף דעם גרונד פון דער ענטוויקלונגס-טהעאָריע. זיינע תלמידים האָבען זיך פון איהם טרויעריגערווייזע צוריקגעצויגען. שטרויס איז געקומען צו פריה מיט זיינע פערדינסטפולע ווערק. זיין שיקזאַל איז געוועזן אַ אמת'ר מאַרטירערטהום און ס האָט גראַדע ניט געגעבען קיין גרויסען מוטה צו די פריינד פון דער גייסטיגער בעפרייאונג; ער האָט זעהר פיעלעס געליטען, מחמת ער איז געגאַנגען אויף דעם וועג פון אמת גראַדע ווי זשיאָרדאַנאָ ברונאָ.

אַן אַנדערער טהעאָלאָג, וועלכער האָט בעלאַנגט צו דער פרייער ריכטונג איז געווען דער בעדייטענדער פרעדיגער פון דער קירכע סט. פעטער אין ציריך, היינריך לאַנג. ער האָט זיך אַפילו זועניגער פערטיעפט אין די נאַטור-וויסענשאַפטליכע לעהרען, ער

איז אָבער געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון דער גייסטיגער פריי־הייט און ער האָט ניט געמאַכט קיין אָפּאָזיציאָן צו דער אָבשטאַמונגס-לעהרע. אין זיין שריפט: „די רעליגיאָן אין דאַרווינ'ס צייט", אין וועלכער ער פּאָלעמיזירט גראַדע שטאַרק געגען שטרוים'ן, שרייבט ער:

„איך זעה ניט איין, וואָס די רעליגיאָן, וואָס דער גלויבען האָט אָנצוווענדען געגען דעם, ווען ס'געלינגט דער וויסענשאַפט צו בעשטעטיגען, דורך אַלץ בעסערע און צאָהלרייכערע בעווייזע, אַז די וועלטען זיינען ענטשטאַנען אויף אַזאַ, אָדער אויף אַן'אַנ־דערען אופן".

איינע פון די מערקווירדיגסטע עראייגניסע האָט געטראָפען דעם פראָפּעסאָר דר. ק אַ ר ל נ ע ג ע ל י אין מינכען. אין דער רעזידענץ שטאָדט פון בייערן האָבען זיך פערזאַמעלט פון דעם 18-טען ביז דעם 25-טען סעפּטעמבער 1877 לערך 2000 גע־לעהרטע: ס'איז געווען די 50-טע פערזאַמלונג פון די דייטשע נאַ־טור-פאָרשער און דאָקטוירים. אויף די דריי הויפּט מיטינגען האָבען די בערירמטעסטע פערטרעטער פון דער וויסענשאַפט געהאַלטען לאַנגע רעדעס איבער דער אָבשטאַמונג און דאַרוויניזם. ה ע ק ע ל, דער דייטשער דאַרווין, האָט גערעדט איבער „די היינטיגע ענט־וויקלונגס לעהרע אין פערהעלטניס צו דער אַלגעמיינער וויסענ־שאַפט", און ער האָט צום ערשטען מאָל קלאָהר און שאַרף אַרויס־געזאָגט, אַז מען דאַרף איינפיהרען די ענטוויקלונגס לעהרע אויך אין דעם אונטעררינכט פון דער יוגענד. נ ע ג ע ל י האָט גערעדט איבער „די גרעניצען פון דער נאַטור וויסענשאַפטליכער ערקענטניס" און ער האָט אויפגעצייגט, שטיצענדיג זיך אויף דער אָבשטאַמונגס לעהרע, אַז די גאַנצע וועלט, וואָס קען געזעהן ווערען, עפענט זיך פאַר דעם פאָרשענדען אויג פון דעם מענשען אַלס אַ פּראָדוקט פון נ אַ ט י ר ל י כ ע (ניט איבערנאַטירליכע) געזעצע פון אַ עקזיסטי־רענדער אונענדליכער איינינקייט, וואָס שליסט אין זיך אַלעס איין, אַזוי, דאָס אַפילו די זאָגענאַנטע גייסטיגע קרעפטען זיינען אויך נאָר נאַטירליכע ערשיינונגען, און זיינען דערפאַר אַ געגענשטאַנד פון

דער נאַטורפֿאָרשונג, גראַדע ווי די כעמישע אָדער פֿיזיקאַלישע ענ־דערונגען אין די מאַטעריעלע געגענשטענדע. די ערקענטניס פֿון דעם מענשליכען גייסט און בעוואוסטזיין איז ניט קיין אונמעגליכ־קייט, זאָנדערן זי איז אויך אַ נאַטירליכע ערשיינונג, וועלכע קען ערקלעהרט ווערען אויף אַ נאַטור-וויסענשאַפֿטליכען אופֿן אָהן סאַי וועלכער הילף פֿון דער טהעאָלאָגיע, נעגעלי האָט נאָך אין די זעכציגער יאָהרען פֿערעפֿענטליכט אַן׳אַקאַדעמיעשע אָבהאַנדלונג איבער דעם „בעגריף פֿון דעם נאַטור היסטאָרישען מין”, אין וועל־כען ער האָט זיך אויסדריקליך ערקלעהרט געגען יעדען גלויבען אין וואונדער. ער האָט דערפֿאַר געמוזט בעטראַכט ווערען אַלס אַ גע־פֿעהרליכער געגנער פֿון דעם גלויבען, וועלכען די וועכטער פֿון דער קירכע האָבען אַזוי שטאַרק פֿערטהיידיגט. וואָס איז אָבער גע־שעהן נאָך דעם מערקווירדיגען קאָנגרעס פֿון די נאַטור פֿאָרשער אין מינכען? —

די עקסטרים קאַטאָלישע צייטונג פֿון בייערן „דאָס פֿאַטער־לאַנד” האָט אַבגעדרוקט אין איהרע קאָלומס נעגעלי׳ס גאַנצען פֿאָרטראַג, אָהן וועלכער עס איז אָבקירצונג, און האָט בעמערקט דערביי, אַז דאָס איז אַ בעדייטענדע לייסטונג פֿון דעם מענשליכען גייסט. דאָס האָט געטהון די זעהר שטרענג רעליגיעזע צייטונג, וועלכע איז געוועזען גוט בעקאַנט פֿאַר איהרע אַטאַקעס געגען דעם פֿרייעם געדאַנק. ווי קענען מיר זיך דאָס ערקלעהרען?

נאָך אונערקלעהרליכער און מערקווירדיגער איז געוועזען דער ספעקטאַקעל, וואָס די ענגלישע כלי קודש האָבען געצייגט ביי דאַר־ווינ׳ס טויט. (19 טער אַפּריל 1882) און נאַבהער ביי זיין לויה.

צווישען די ענגלישע גייסטליכע האָבען זיך שוין זייט אַ לענ־גערע צייט געפֿונען פֿיעלע, וועלכע האָבען זיך צוערשט אַלס סטו־דענטען און נאַכהער אַלס גלחים בעשעפֿטיגט אין פריוואַט מיט דאָס שטודירען די נאַטור וויסענשאַפֿט; דאָס האָט זעלטענער גע־טראָפֿען אין די אַנדערע לענדער פֿון אייראָפּאַ; איינינע ענגלישע גייסטליכע זיינען זאָגאַר געוועזען בעפֿריינדעט מיט דאַרווינ׳ן און זיי האָבען זיך מיט איהם דורכגעשריבען, אָבער די גרעסטע צאָהל פֿון

די ענגלישע נשמה היטער האָבען זיך פֿערהאַלטען געגנעריש צו דאַרווינ'ען בעת ער האָט געלעבט.

וואָס איז אָבער געשעהן, ווען דער גרויסער, אונגלויביגער נאַטורפֿאָרשער האָט געשלאָסען זיין לעבען, וואָס איז געווען אַזוי רייך אין וויכטיגע און נוצליכע פֿאָרשונגס אַרבייט? וואָס איז געשעהן ווען ס'איז געשטאָרבען אָט יענער זעלבער דאַרווין, וועלכער האָט אין 5 טען יוני 1879 געשריבען עפֿענטליך צו אַ סטודענט: „וואָס מיך אַליין אָנבעטריפֿט, גלויב איך ניט, אַז ס'האָט ווען ס'איז שטאַטגעפֿונען אַ געטליכע ענטפלעקונג?" די ענגלישע קירכע האָט זיך בעטהייליגט אין דער לויה פֿון דעם מענשען, וועלכען זי האָט ביי זיין לעבען געהאַסט אַלס געגנער פֿון דעם גלויבען אין וואונדער און פֿון גאָטס לעהרע. די ענגלישע קירכע האָט דעם אונגלויביגען דאַרווין געמאַכט אַזאַ לויה, ווי זי מאַכט עס נאָר צו די גאָר הויכע גייסטליכע, אָדער צו די גאָר גרויסע פֿערטהיידיגער פֿון דער קירכע. דאַרווין איז זאָגאַר ג ע ג ע ן זיין ווילען *) בעערדעט געוואָרען אין דעם ענגלישען כּבוד טעמפעל וועסטמינסטער עבעי, נעבען דעם קבר פֿון סיר אייזיק ניוטאָן. אין דער זעלבער צייט האָבען פֿיער גלויביגע גייסטליכע געפּרעדיגט אין פֿיער קירכען פֿון לאָנדאָן איבער דעם גרויסען פֿערלוסט, וואָס די ענגלישע נאַציאָן און די גאַנצע מענשהייט האָט געהאַט דורך דאַרווינ'ס טויט.

וואָס זאָלען מיר זאָגען דערצו? אוים דעם טויל פֿון די גלחים האָט דאַרווין בעקומען אונערוואַרטעט אַ ל ו י ב.

די גאַנצע וועלט האָט מיט ערשטוינונג צוגעקוקט ווי די קירכע טהיילט צו אַזאַ כּבוד צו אַנ'אונגלויביגען פֿאָרשער, צו אַנ'אַפּאָסטעל פֿון דעם וויסענשאַפֿטליכען אמת.

ווער וואָלט זיך ביי אַזאַ ספּעקטאַקעל ניט געפֿרעגט: „גם שאול בנביאים?" ס'איז ניט געווען גענוג, וואָס מען האָט דאַרווינ'ען מקבר געווען מיט דעם כּבוד, וואָס מען טהיילט געוועהנליך צו אַ

*) דאַרווין האָט זיך נאָך ביי זיין לעבען פֿערזאָרגט מיט אַ קבר, אין אַ געוועהנליכען בית עולם, וואו ער האָט געוואָלט דאָס מען זאָל איהם בעערדען.

פּירשט פון דער קירכע; די זעלבע ענגלישע העכסט-קירכעליכע געזעלשאַפט האָט זיך אויך בעטהייליגט ביי דאָס אַרויסלאָזען אַנ־אויפרוף, וועלכער איז צושיקט געוואָרען איבער דעם גאַנצען לאַנד מיט דעם צוועק צו זאַמלען געלד פאַר אַ מאָנומענט נאָך דאַרווינ'ן און פאַר אַ פאָנד, פון וועלכען מען זאָל העלפען יונגע נאַטור פאָר־שער פאָרטצוזעצען די אַרבייט, וואָס דאַרווין האָט אָנגעפאַנגען. דער אויפרוף איז אונטערגעשריבען געוואָרען פון די אַרצבישאָפס פון קענטעבורי און פון יאָרק, פון דעם בישאָף פון עקסטער, פון די דעקאַנע פון וועסטמינסטער, סט. פּאָאול און פון קרייסט טשאָרטש, פון די פרומע און גלויביגע לאָרדען אַרגיל, דעוואָנשייר, נאָרטהומ־בערלאַנד, פון דעם מאַרקיז פאָן סאַליסבורי, פון גראַפען, לאָרדען, דעפוטאַטען, פּראָפעסאָרען און אַ מאַסע נאַטור פאָרשער. יענער אויפרוף האָט אויך בעקומען אַ אינטערנאַציאָנאַלען חאַראַקטער, מחמת ער איז אונטערגעשריבען געוואָרען פון פיעלע געזאַנדטע פון פערשיעדענע אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע שטאַאַטען. מיט איין וואָרט, די גאַנצע „אָנגעזעהענע" וועלט איז דורך דאַרווינ'ס טויט געוואָרען דאַרוויניסטיש. ביים לעבען מ אַ ר ט ע ר ן און נאָך דעם טויט פ ע ר ג ע ט ע ר ן!

ס'איז כדאי דאָס צו דערמאָהנען איצט, ווען די פּראָטעס־טאַנטישע אויפהעצער און די היפּאָקריטען פון אַלערליי שאַטירונגען ערהויבען אַ ווילדען געשריי געגען דער שטרעבונג, אַז מען זאָל אויך מיט דעם פאָלק, מיט דעם פּ ר אָ ס ט ע ן פאָלק, לעהרנען דעם וויסענשאַפטליכען אמת.

אָבער וואָס זאָל דאָס אַלס בעדייטען?

מיר דענקען, אַז די געשעהעניסע ביי דאַרווינ'ס טויט און אַלעס איבעריגע איז אַ אונצווייפעלהאַפטע מאַניפעסטאַציאָן פון דעם פאָרט־שריט, וואָס די מענשהייט האָט געמאַכט. די נאַטור וויסענשאַפט איז געוואָרען אַ מאַכט אין דער וועלט, אַפילו די פרעדיגער פון דער סט. פּאָאולוס קירכע זאָגען עדות וועגען איהר קראַפט, און די שטיינערנע ווענט פון וועסטמינסטער עבעי מוזען דאָס איבער־חזר'ן.

ניט לאַנג קען די מענשהייט גענען שטעהן דער מאַכט פון
דעם אמת! דאָס איז אַ טרייסט — דאָס איז אַ גרויסער טרייסט!
דאָס איז אַ פערזיכערונג! אַ פרייד שאַפענדע פערשפּרעכונג!

וואָס פאַר אַ קראַפט גענען אַזאַ פערשפּרעכונג האָבען אַלע
קללות פון דעם וואַטיקאַן גענען דער נייער נאַטור וויסענשאַפט;
וואָס פאַר אַ בעדייטונג האָט גענען אַזאַ וועלט-מאַכט דער אונווי־
סענדער פאָראורטהייל און דער צאָרנדיגער פאַנאַטיזם פון די פּראָ־
טעסטאַנטישע היפּאָקריטען און זאָגענאַנטע עוואַנגעליסטען. דער גאַנג
פון דער ענטוויקלונג ציהט זיך נאָך מיט גרעסערע שריט אַלץ
ווייטער און ווייטער. אָט דערפאַר דאַרפען מיר מוטהיג און פריילי
זיין.

אויך אין אַמעריקאַ און נאַכהער אין דייטשלאַנד האָבען זיך
געפונען קלוגע גייסטליכע, וועלכע האָבען זיך גענומען די מיה צו
שטודירען די אָבשטאַמונגסלעהרע און צו זוכען אַרויסצונעהמען די
פרייד פון דענקען און לעבען אויס דעם טהעאָלאָגישען אבגרונד פון
סאַמע ענטזאַגונג און איהר פיהרען אונטער דער וויסענשאַפטליכער
זוננען שיין. צוויי פון די בעדייטענדעסטע פריינד פון ליכט און
וויסען, וועלכע האָבען זיך ערהויבען פון דעם פּריעסטענטהום ווילען
מיר דאָ דערמאַהנען: דער אַמעריקאַנישער פּרעדיגער מ. י. סאַ־
וואַדזש, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען אַ פּרעכטיג און בעמערקונג
ווערטהעס בוך „די רעליגיאָן אין'ם ליכט פון דער דאַ־ווינישער
לעהרע"; און דער דייטשער טהעאָלאָג דר. ר. שראַם, פּרעדיגער
אין ברעמען, וועלכער האָט איבערזעצט און אַרויסגעגעבען אין דייטש
דאָס ווערק פון סאַוואַדזש.

דיזער בוך איז געשאַפען פון אַ גייסט, וועלכער טראָגט אין
זיך אַ אונבעגרעניצטע ליעבע צו דעם אמת.

ס'ווערט אין איהם אָפענהערציג אַנערקענט, אַז די אָבשטאַ־
מונגס לעהרע איז

„ביי די נאַטור פאָרשער גאַנץ גענוי ערקלעהרט און ניט אַלס
הילפס טהעאָריע וועגען דער ענטשטעהונג פון איין מין, זאָנדערן

אַלס הויפּט פּרינציפּ פֿאַר דער ערקלעהרונג פֿון אַלעס, וואָס וואַקסט און לעבט אויף דער ערד".

אַזוי שטעהט אין דעם בוך ווערטערליך געשריבען און דאַן שטעהט ווייטער:

„איהר ווייטערע פֿערשפּרייטונג צווישען פֿאָלק איז נאָר אַ פֿראַגע פֿון דער צייט, מעג דער געשריי פֿון די כהנים פֿון אונוויסענ־הייט, פֿאָראורטהייל און אַבערגלויבען זיין ווי שטאַרק, כדי דאָס צו פֿערהינדערן".

מיר וועלען נאָך ברייננגען איינינע שטעלען פֿון דעם גייסט־רייכען בוך פֿון דעם „פּרעדיגער סאַוואַדזש, טראָץ דעם, וואָס מיר שטימען ניט איין מיט זיין שטאַנדפּונקט וועגען דער אורזאַך פֿון אַלע אורזאַכען, כדי צו צייגען אין וואָס פֿאַר אַ גייסט זיין טהעאָ־לאָגיע שוועבט. סאַוואַדזש שרייבט:

„איך דענק, אַז ס'איז די אויפֿגאַבע פֿון דער וויסענשאַפֿט און אויך פֿון דער רעליגיאָן שטענדיג צו זוכען דעם אמת, דען נאָר דער אמת פֿיהרט צו גאָט".

„נאָר דער, וועלכער זוכט דעם אמת, זוכט גאָט".

„די קללה פֿון דער רעליגיאָן און פֿון דער וויסענשאַפֿט איז שטענדיג געוועזען, וואָס מען האָט גערענקט, אַז ס'איז דאָ אַ פּונקט, פֿון וועלכען די פֿאָרשונג קען ווייטער מעהר ניט געהן. מיר שטעהן אַלס ענדליכע גייסטער אין מיטען פֿון דער אונענד־ליכקייט; און פֿאַר אַנ'ענדליכען וועזען, וואָס בעוועגט זיך אין מיטען פֿון דער אונענדליכקייט, איז ניט פֿאַראַן קיין פּונקט, וואו ער זאָל זיך אָבשטעלען, ער האָט בלויז דאָס רעכט און די גע־לעגענהייט צו ענדלאָזער פֿאָרשונג... הינטער אַלע פֿערשיערענע אַרבייטען, ענטדעקונגען און עקספּערימענטען פֿון דעם וויסענ־שאַפֿטליכען פֿאָרשער שטעהט דער אַלגעמיינער גלויבען, דאָס אַלע וויסענשאַפֿטליכע אמת'ן זיינען נאָר איין איינציגער אמת, די גאַנצע וועלט איז נאָר פֿון איין

שטיק און די פערשיעדענע אמת'ן זיינען נאָר פערשיעדענע טהיי־
לען פון אַ געטליכען מוסטער..."

„דיעזער גלויבען פון דער וויסענשאַפט איז
גרויסאַרטיגער, ווי סאַי וועלכער גלויבען וואָס
די רעליגיאָן האָט ביז איצט געלעהרענט".

לעזענדיג דאָס בוך פון סאַוואַדזש'ן זעהט מען, אַז מען האָט
ווירקליך צו טהון מיט אַ טהעאָלאָג, וועלכער זוכט דעם
אמת, וועלכער האַסט ניט דעם אמת, זאָנדערן ער ליעבט איהם,
וועלכער בעקענט פריי דעם אמת, אויף וויפיעל איהם דוכט
זיך, אַז ער האָט איהם אַנערקענט. ער איז ניט פון די היפאָקריטען
וועלכע האַלטען זיך אין דעם טעות, דערפאַר מחמת ס'זיינען דאָ
מעהר גלויביגע אין דעם טעות, ווי ס'זיינען פאַראַנען פריינד פון
דעם אמת. זיין בוך קען רעקאָמאַנדירט ווערען צו אַלע קריסטען,
יודען און היידען, און זאָגאַר צו די פריידענקער. אַלע, אָהן אונ־
טערשיעד, קענען פון איהם לעהרנען!

סאַוואַדזש איז איבערצייגט: „אַז אַלע וויסענשאַפטליכע אמת'ן
זיינען נאָר איין אמת און די גאַנצע וועלט איז נאָר פון איין
שטיק". מיר זיינען אויך ביי דער זעלבער מיינונג, און מיר ווילען
דאָ דערמאָהנען, אַז די נייעסטע ענטדעקונגען אין דער כעמיע און
אין דער פיזיק האָבען געפיהרט צו דער איבערצייגונג, פון וועלכער
גרויסע גייסטער האָבען ביז איצט נאָר געהאַט אַן אַהנונג, נעמליך:
„אַז אין דער גאַנצער וועלט איז נאָר דאָ איין אורשטאָף, נאָר
איין אורקראַפט".

ווי ס'איז צו זעהן איז גאַנץ ריכטיג, אַז עקסטרימען בעגע־
גענען זיך.

ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען ס'וועלען אויפהערען אַלע סכסוכים
וועגען רעליגיעזע פראַגען, אַלע שטרייטיגקייטען וועגען גלויבען
אָדער ניט גלויבען, וועגען טהעאיזם אָדער אַטהעאיזם, וועגען רע־
ליגיעזע דאָגמען און אבערגלויבענס וועלען פערשווינדען. ראַן וועט
מען דינען צו גאָט, דאָס הייסט צו דעם אמת, וועלכער איז
אַליין גאָט, ניט נאָר ביי די וואַסער פון דעם ירדן, ניט נאָר אין

בבל, ניט נאָר ביי די ברעגעס פֿון דעם חדקל, ניט נאָר אין די מאָשעען, טעמפּלען און קירכען, זאָנדערן אויף אַלע בערג און טהאָ־לען פֿון דעם ערד קוגעל; אויף די שפּיצען און אין די טהאָלען פֿון די הימאַלאַיאַה בערג, גראַדע ווי אויף די מיט בלומען בעוואַקסענע אַלפּען; ביים שטילען אָקעאַן, ווי ביי דעם פֿערפֿרוירענעם פּאָלאַר ים; אונטער די פּאַלמען פֿון עטהיאָפּיע, ווי אויף די שטיינערדיגע שפּיצען פֿון אויף די סקאַנדינאַווישע בערג.

אין דער פֿיעלהייט און פֿערשיעדענהייט פֿון די ערשיינונגס־פֿאָרמען, וועלכע מען קען גאָר ניט אין גאַנצען אומפֿאַסען, ווער מען אַנערקענען די איינהייט פֿון אַלעס וואָס עקזיסטירט נאָר. די צוקונפֿט געהער צו דעם מאָניזם *). דער מאָנאָטהעאיזם איז געווען די לעצטע ענטוויקלונגס שטופֿע אויף דער לייטער, וועלכע האָט געפֿיהרט צו דעם העכסטען אויסזיכטספּונקט איבער דעם כאַאָס פֿון די געשעהעניסע.

די אונוויסענדע געגנער פֿון דער נאַטור וויסענשאַפֿטליכע אויפֿ־קלעהרונג וואַרפֿען אונז זעהר אָפֿט פֿאָר, אַז מיר האָבען ניט קיין רעליגיאָן און דאָס מיר ווילען אָבשאַפֿען די רעליגיאָן — ס'איז ניט פֿאַראַן נאָך אַזאַ אונבעגרינדעטע זאַך, ווי דיזער פֿאָרוואורף.

געוועהנליך האָבען די היטער פֿון דעם העכסטען גלויבען דאָס וואָרט „רעליגיאָן" זעהר שלעכט געברויכט. אין זייער קינדערישער בעשרענקטהייט האָבען זיי ערקלעהרט און ערקלעהרען נאָך היינט צו טאָג, אַז נאָר זיי אַליין האָבען רעליגיאָן. דיזע שוואַרץ קונ־צען-מאַכער בעהאַנדלען דאָס וואָרט רעליגיאָן אַקוראַט ווי זיי בעהאַנדלען דעם בעגריף פֿרייהייט. „האָבען רעליגיאָן" הייסט ביי זיי: צו זיין בעשרענקט און שטאָלץ אין דער זעלבער צייט, צו זיין דום און עהרגייציג, צו טראָגען דעם פֿרידען אויף דער צונג און צו דער זעלבער צייט זיין קריגעריש און זיך בענוצען מיט רעכט מע־

*) מאָניזם, איז די פֿילאָזאָפֿישע אַנשויאונג, וועלכע פֿיהרט צוריק אַלעס, וואָס עקזיסטירט נאָר צו איין פּרינציפּ, צו איין גרונד עקזיסטענץ, צו איין איינהייט, פֿון וועלכע אַלע ערשיינונגען שטאַמען אָב.

סער, צו פֿרעריגען ליבע און צו איבען האַס, צו רעדען פֿון גערולד און צו ענטוויקלען אונגעדולד, זיך ערקלעהרען פֿאַר קינדער פֿון גאָט און צו האַנדלען ווי די ערגסטע טייוואָלים. זיי ערקלעהרען זיך פֿאַר די וויסענדע און די איינציגע, וועלכע זיינען בעקענט מיט דעם ווילען פֿון גאָט, און זיי מיינען דערביי נאָר די פֿערעהרליכונג פֿון זייערע אייגענע, קליינענקע און בעשרענקטע איך'ן. אַלץ אַזוי בעהאַנדלען זיי די „פֿרייהייט". פֿריי צו זיין, הייסט ביי די זעלבע הייליגע, צו האבען דאָס רעכט אַנדערע צו פֿערפֿאָלגען, מאַרטערן און פייניגען, צו קענען אונטערדריקען און אויסבייטען די אַנדערע, אייגענע שוועסטערן און ברידער. יאַ, יאַ, אָט דאָס איז די רעליגיאָן און די פֿרייהייט נאָך די הערצער פֿון די — עגאאיסטען!...

מיר האָבען אויך רעליגיאָן! — ווי נאַטור פֿאָרשער, פֿון דער דאַרווינ'ישער שוהלע האָבען אויך רעליגיאָן?

וואָס הייסט דען רעליגיאָן?

אורשפּרינגליך בעדייט דאָס וואָרט „רעליגיאָן" אַזוי פֿיעל, ווי דאָס וואָרט „באַנד" און מיר פֿערשטעהען אונטער דעם די ערקענ־טענים, דאָס מיר זיינען אַבהענגיג פֿון דער אויסערליכער וועלט, פֿון די אַנדערע מענשען און פֿון דער גאַנצער נאַטור, דאָס מיר זיינען ניט אַבסאָלוט פֿריי, זאָנדערן מיר זיינען פֿערבונדען מיט אַלעם און מיט אַלעמען דורך דעם באַנד פֿון די נאַטירליכע פֿערהעלטניסע. דאָס בעוואוסטזיין דאָס מיר זיינען אַבהענגיג פֿון דעם וואָס איז אויסערהאַלב אונז און דאָס אַרט דענקען און האַנדלען געגען אַנ־דערע, וואָס קומט אַרויס פֿון דיזען בעוואוסטזיין, אָט דאָס איז נאָך אונזער אויפֿפֿאַסונג רעליגיאָן.

ס'זיינען דאָ רויע און גראָבע רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען: ס'איז גענוג צו דערמאָהנען דעם גלויבען אין כשוף, טייוואָלים, שדים און רוחות; דעם געדאַנק פֿון די קריסטען אַז אַ ניט גע'שמד'ט קינד איז פֿע־ראַמט אויף אייביג; אָדער די נאַרישע פֿאָרשטעלונג, אַז אַלע אַנדערע מענשען, וועלכע דענקען ניט אַקוראַט ווי זיי וועלען פֿערלוירען געהן אין די פֿלאַמען פֿון דעם גיהנם.

מיר רופֿען די רעליגיאָן פֿון די היידען אַ רויהע רעליגיאָן,

מחמת זיי בעטען צו שטיקער העלצער אָדער צו חיות. די קריסטען רופען די רעליגיאָן פון מחמעד'ן אַ תאווה'דיגע, מחמת ער פערשפרעכט זיינע גלויביגע אויף יענער וועלט אַ האַרעם מיט פיעלע ווייבער; מחמעד האָט גערופען די קריסטליכע רעליגיאָן אַ אונזיניגע, מחמת זי האָט געמאַכט דריי געטליכע פערזאָנען פאַר איין גאָט; די יודען רופען די קריסטליכע רעליגיאָן אַ פעהלערהאַפטע, מחמת ישו פון נוצרת איז ניט געוועזען דער ריכטיגער משיח; און פערקעהרט זאָגען די קריסטען אַז די יודישע רעליגיאָן איז אַ פאַלשע, מחמת די יודען האָבען זייער איינענעם משיח געקרייציגט. יעדע קריסטליכע סעקטע בעהויפטעט, אַז זי אַליין און ניט קיין אַנדערע פערמאָגט די אמת'ע העכטע רעליגיאָן. ווי בעקאַנט זאָגען די קאַטאָליקען אַז זייער קירכע איז די איינציגע וואָס מאַכט גליקליך. און וויפיעל שטראָמען בלוט זיינען געפלאָסען דורך דיזע רעליגיאָנען? די שרעקליכסטע גרוילטהאַטען זיינען אין נאָמען פון דיזע רעליגיאָנען בעגאַנגען געוואָרען.

און דאָך: אָט די אַלע וועלכע רעדען און האַנדלען אַזוי; אָט זיי אַלע וועלכע וואָלטען גערן ווידער אַזוי גערעדט און געהאַנדעלט; אָט זיי האָבען רעליגיאָן!

לאָמיר איצט מאַכען אַ גענען-פראָבע!

זייענדיג פריינד פון אָפענער ערקלעהרונג און פאָלגליך געגנער פון היפאָקריזיע, ווילען מיר דערפאַר דאָ ערקלעהרען די רעליגיאָן פון אַ פרייעם מענשען, וועלכער בויעט זיינע אידעאַלען אויף דער נאַטור וויסענשאַפט און וועלכער האָט זיך צוגעפאַסט צו די פערהעלטניסע פון דער אויסערליכער וועלט, כדי צו לעבען אין פרידען, ניט אין שקלאַפישע בעציהונגען, מיט זיינע מיטמענשען (מיט די וועלכע פערדינען דעם נאָמען „מענשען") און אויסצולעבען זיינע טעג אין האַרמאָניע מיט דעם גאַנצען וועזען פון זיין אייגענעם קליינעם איך.

דאָס ערשטע:

דאָס העכסטע וואָס מיר פערעהרען איז דער אמת, ווי ער ווערט ענטפלעקט אין דעם לעבען פון דער וועלט

און פֿון דער נאַטור. יעדער וואָס זוכט צו ערקענען דעם אמת געהט מיט אונז אויף דעם זעלבען וועג און איז אונז אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער, אָהנע אונטערשיעד צו מען איז געבוירענע אַריסטאָקראַטען אָדער קינ־ער פֿון פּראָסטען פֿאָלק, אָהנע אונטערשיעד, אין וועלכער רעליגיאָן מען איז ערצויגען געוואָרען, אָהנע אונטערשיעד פֿון וועלט אַנשויאונג, פֿון נאַציאָן אָדער ראַסע, אהן אונטערשיעד פֿון דער פּאָליטישער מיינונג, אָהן אונטערשיעד פֿון דער מדרגה אויף וועלכער מען שטעהט אין דער זאָגענאַנטער בילדונג, דען ווער ס'זוכט דעם אמת דער זוכט דאָס העכסטע, און אין דער שטרעבונג נאָך ערקעֶנטנים זיינען מיר, זוכענדע, אַלע גלייך.

אַ צווייטעס:

אַלס יחידים זיינען מיר אַלע אַבהענגיג איינער פֿון דעם צווייטען און אויך פֿון דער נאַטור, וואָס רינגעלט אונז אַרום. דער מענש איז דער פּראָדוקט פֿון דער שטענדיג ענדערענדער נאַטור און פֿון דער ערציהונג. אַ דאַנק דיזער ערקענטענים בעגרייפֿען מיר, אַז די אַנדערע מענשען זיינען פֿון דער נאַטור פֿעראייניגט מיט אונז. ס'שטעהן געגען אונז פֿיינדליך נאָר די, וועלכע זינדיגען געגען די געזעצע פֿון דער נאַטור.

אַ דריטעס:

פֿון וואנען קומען מיר? אַזוי ווי יעדער מין פּפֿלאַנצע אָדער חיה האָט זיך ענטוויקעלט לאַנגזאַם אין פֿערלויף פֿון מיליאָנען יאָהרען פֿון אונזער ערד געשיכטע, דורך דעם נאַטירליכען אויסוואַהל געזעץ און דעם קאַמפּף אום דאָס דאַזיין, פֿון נידעריגע אָנפֿאַנגען צו אַלץ פֿאָלקאָמענערע וועזענס, אַלץ אַזוי האָט זיך דער מענש שטענדיג ווייטער און ווייטער ענטוויקעלט אין פֿערלויף פֿון יאָהר טויזענדע פֿון דער חיה'שער אָבשטאַמונג צו דער מדרגה פֿון אַ מענשען. ס'איז קיין מאָל ניט געווען אויף דער וועלט קיין ערשטער מענש, גראַדע ווי ס'איז קיין מאָל ניט געווען קיין ערשטער דייטש, קיין ערשטער פֿראַנצויז, קיין ערשטער שפּאַניער. אַלעס וואָס עקזיסטירט איז געוואָרען, ס'איז אַרויסגעקומען דורך דער שטענדיגער אַלץ פֿאָרווערטס געהענדער נאַטירליכער ענטוויקלונג.

פֿון עפּעס אַנדערעס, וואָס האָט פֿריהער עקזיסטירט. אַלעס וואָס לעבט, חיה אָדער פּפֿלאַנצע, איז אונז פֿערוואַנדעט, מחמת אַלעס, וואָס לעבט שטאַמט פֿון איין מוטער און דאָס איז די נ אַ ט ו ר.

א פֿיערטעס:

די וויטערע ענטוויקלונג אין דער ריכטונג צו גרייכען אַ העכערע פֿאָלקאָמענהייט איז אַ אַלגעמיינע ערשיינונג אין דער גאַנצער לעבעדיגער נאַטור. זי איז געווען אין דער פֿערגאַנגענהייט, זי עקזיסטירט אין דער געגענוואַרט און וועט אויך זיין אין דער צוקונפֿט. זי איז דער אויסדרוק פֿון אַ נאַטור-געזעץ און אויב ס'זיינען דאָ איניגע שיינבאַרע אויסנאַהמעס בעשטעטיגען זיי נאָר דאָס געזעץ. דער פֿאָרטשריט צו'ם בעסערען, צו'ם פֿאָלקאָמענערען ציהט זיך אַלץ וויטער און וויטער מיט נ אַ ט ו ר נ ױ ט װ ע נ ד י ג ק י י ט. ווער ס'זינדיגט געגען דעם געזעץ — דער שטאַרבט. ווער ס'שטעהט שטיל געהט, ווי די ערפֿאַהרונג צייגט, צו גרונדע. זיין אונטערגאַנג איז נאָר אַ פֿראַגע פֿון דער צייט.

אַ פֿינפֿטעס:

מיר קענען אַ ז י נ ד, וואָס איז איבערגעגעבען געוואָרען בירושה, ניט אין דעם זין, ווי משה דערצעהלט, זאָנדערן אויס דעם שטאַנדפּונקט פֿון דער נאַטור ערקענטעניס: ס'איז די נייגונג, וועלכע קען זיך מאַניפֿעסטירען ביי איינציגע ווזענס זיך צוריקצוקעהרען אויף דער מדרגה פֿון די נידעריגער ענטוויקעלטע מינים, פֿון וועלכע זיי שטאַמען אָב. אין יעדען מענשען שטעקט מעהר אָדער ווענינער אַ שטיק חיה, וועלכע איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען פֿון די נידעריגערע מינים, אויס וועלכע מיר שטאַמען; דיזע „ירושה זינד", אין וועלכער קיין ערנסטער נאַטור פֿאָרשער וועט ניט לייקענען איז געאייגענט צו פֿערנעהמען דאָס פּלאַץ פֿון דעם מיסטישען חטא אין גן עדן. זי וועט, דורך ערפֿאַהרונג, ווערען דער אויסגאַנגס פּונקט פֿון אַ נאַטור מעסיגע מאָראַל און עטהיק, וועלכע דאַרפֿען געשאַפֿען און ענטוויקעלט ווערען.

אַ זעקסטעס:

ס'איז פֿאַראַן אַ העכערע גערעכטיגקייט, פֿון דער וואָס די־

היינטיגע מענשען געברויכען; ס'איז פֿאַראַן אַ „נעמעזיס" *) וואָס נעהמט נקמה פֿאַר די זינד, וועלכע ווערען בעגאַנגען געגען די געזעצע פֿון דער נאַטור. ווער ס'דער'הרג'ט אַ מענשען דער איז צוריקגעזונקען ווייט אונטער דער ענטוויקלונגסשטופּע פֿון דעם מין, פֿון וועלכען מיר שטאַמען אָב; ער איז געוואָרען פֿון אַ ענטוויקלענדען מענשען צוריק אַ חיה. די נאַטור וויסענשאַפֿט רופֿט אַזאַ פֿאַל פֿון צוריקזינקונג — אַטאַוויזם. די וועלט פֿון פּפלאַנצען און חיות לעהרענט אונז, אַז די צוריקזינקונג, די שטאַרקע מאַניפֿעסטאַציאָן פֿון דעם חטא, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה, ווערט בעשטראָפֿט מיט'ן טויט. די נאַטור פֿערניכטעט די איינצעלנע אַטאַוויסטישע (צוריקגעזונקענע) פּפלאַנצען און חיות. מיר, באַרמהערציגע מענשען, האָבען אָנגעפאַנגען צו בעשטראָפֿען אַזעלכע זינדיגע, ניט מיט דעם טויט, זאָנדערן צו מאַכען אונשעדליך, דורך דאָס אַריינזעצען אין געפֿענגנים, די מענשען, וועלכע זיינען געוואָרען חיות.

„ווער ס'מאַכט אַ מענשען פֿאַר אַ שקלאַף, דער האַנדעלט געגען אַ נאַטור געזעץ, דען „דער מענש איז פֿריי געשאַפֿען און ער איז פֿריי, ווען ער זאָל אַפֿילו זיין געבוירען אין קייטען".
(שילער).

אַ זיבעטעס:

אלע מענשליכע טוגענדען האָבען זיך געהאַלטען אין איין ענטוויקלען אין דעם לאַנגזאַמען ענטוויקלונגס גאַנג פֿון דער געשיכטע פֿון דער מענשהייט. זיי זיינען פּראָדוקטען פֿון דער נאַטור און זיי קענען ניט פֿערלוירען געהן. אויס סאָציאַלע אינסטינקטען זיינען געוואָרען מענשליכע טוגענדען. און די טוגענדען (פֿון וועלכע די העכסטע איז די ליבע צו דעם צווייטען) וועלען זיך אַזוי בעפֿעסטיגען דורך אַ פֿאָרטגעזעצטער פּפלעגע און דורך אַ מאָראַלישער ערציהונג, אַז זיי וועלען איבערגעהן בירושה פֿון דור צו דור. אויף דעם פלאַץ פֿון דער באָבע מעשה וועגען אַ „גוטער אַלטער צייט" ערהויבען מיר דעם צוטרויען אין אַ בעסערע צוקונפֿט.

*) נעמעזיס, די געטין פֿון נקמה.

א אַכטעם:

אונזער האָפנונג איז געריכטעט אויף דער ווייטערער ענטוויק־לונג פון דעם גאַנצען מענשענגעשלעכט. גראַדע ווי מיר מענשען פון דער געגענוואַרט זיינען בעסער, ווי אונזערע חיה'שע אורעל־טערן, אַלץ אַזוי וועלען די ווייטערע דורות פון דעם מענשענגע־שלעכט זיך ווייטער ענטוויקלען און זיי וועלען, מיט נאַטור נויט־ווענדיגקייט, ווערען פיעל בעסער, ווי מיר זיינען.

אַ נייינטעם:

אַזוי ווי אונזער גאַנצעם וויסען בעשטעהט פון שטיקער, בע־זיצט יעדעם שטיק פון ווירקליכער ערקענטנים די קראַפט פון דעם וואַקסענדען זאַמען פון דער אַלגעמיינער ערקענטנים. די שטיקער ערקענטעניס, וועלכע מיר פערמאָגען ערהויבען אונז העכער פון אַנ־דערע, דאָס בעפרייט אונז אַבער בשום אופן ניט פון דער פפליכט מיטצוווירקען אין פעראייניגונג מיט אַנדערע צו פערגרעסערן דאָס וויסען פון אַלע.

דאָס לעצטע:

יעדע אמת'ע ערקענטנים מוז מאַכען געדולדיג. די רעליגיאָן פון יעדען איינעם איז זיין אייגען פריוואַט אייגענטהום, אין וועל־כען קיין רעגירונג און קיין שטאַאַט און נאָך וועניגער דער פויפסט, וועלכער איז אַ מענש מיט פעהלערן, ווי אַלע מענשען, האָט ניט קיין רעכט זיך צו מישען. ווער ס'האָט די מעטאַפיזישע בעדירפנים צו גלויבען אין אַ יענער וועלט, כדי צופרידען צו זיין, דער זאָל זיין בעדירפנים בעפרידיגען אויף זיין אייגענעם אַרט; זאָל ער בע־טען אונטער דעם באַרג סני, אין מעקאַ אָדער רוים, אין דער מדבר אָדער אויף די בערג, סאַי וואו און סאַי ווי ער וויל, כל זמן ער שטערט נאָר ניט אַנדערע און ער שעדיגט ניט זייער וואָהלזיין. פערקעהרט, דעם וואָס וויל ניט וויסען פון קיין לעבען אויף יענער וועלט, מחמת ער קען דערפון ניט וויסען, דעם זאָל מען אויך ניט שטערען אין זיין שטרעבען צו שאַפען איצט אין פעראייניגונג מיט אַלע אַנדערע דעם הימעל און צו פערוואַנדלען די ערד אין אַ גן עדן, וואו ער און די גאַנצע וועלט זאָל קענען גליקליך זיין, נאָר

אין אַזאַ פאַל וועלען מיר ריכטיג זיין מענשען. דאָס גליק פון דעם יחיד קען נאָר דאַן זיין פאָלקאָמען, ווען עס שטעהט ניט אין געגענזאַץ, זאָנדערן אין אָנקלאַנג מיט דעם וואָהלזיין פון די אַנדערע. דערפון וואַקסט אַרוים פון זיך אַליין אַ נאַטור-מעסיגע מענשען-ווירדיגע מאָראַל און אַ עטהיק, וועלכע וועלען אַריבערלייכטען אַלע אַני מאַמין׳ס פון דעם גלויבען אין די ווייטסטע צוקונפטס צייטען פון דעם מענשען געשלעכט.

אָט דער פרינציפ פון דער פאָרווערטס געהענדער ענטוויקלונג, וואָס ציהט זיך ווי אַ לייטענדער פאָדים דורך דער רייהע געדאַנקען פון דעם דאַרוויניזמוס, אָט דער נאַטור געזעץ פון דער שטענדיגער, וועגן אויך לאַנגזאַמער ענטוויקלונג צו דאָס בעסטע, איז די תורה, איז דאָס עוואַנגעליום פון דער נאַטור ערקענטניס.

איצט זאָל מען אַליין אורטהיילען, צו מיר דאַרוויניסטען זיינען רעליגיעז אָדער רעליגיאָנסלאָז. — סוף כל סוף שפיעלט דער נאָמען גאָר קיין ראָלע ניט, ס׳קימערט אונז ניט, ווי מען רופט אונז; דער עצם, דער אינהאַלט אָט דאָס איז דער עיקר. דער בוכשטאַב הרג׳ט אַוועק, דאָס ווייסען מיר אַלע, צו סאַי וועלכען גלויבען מיר זאָלען ניט בעלאַנגען. „דער נאָמען איז קלאַנג און רויך". (געטהע).

און וואס לעהרענט אונז איצט די פאָלקסשוהלע?

מיר ווילען קודם כל בעשטעטיגען דעם אונבעשטרייטבארען פאקט, אז די פאָלקסשוהלע אליין איז כמעט גאָר ניט בעאיינפלוסט געוואָרען פון די נאטור־וויסענשאפטען; זי איז — דעם אויבע־ליכען גלאנץ און פליטער אראָבגערעכענט — געבליבען אין איהר עצם אונבעריהרט פון דער צייט פון דער נאטור וויסענשאפט.

כמעט אין אלע לענדער, ביי די מייסטע נאציאָנען ווערט אין דער פאָלקסשוהלע נאָך אלץ געלעהרענט די טעות'ן פון משה'ס בעשאפונגס געשיכטע און זיי ווערען אָנגעגעבען אלס הייליגע אמת'ן.

מיט זעכציג, זיבעציג יאָהר צוריק פלעגט מען אין די פאָלקס־שוהלען פון דער שווייץ לעהרנען די „ביבלישע געשיכטען" פון קריסטאָף שמידט. די קינדער פלעגען הערען די ע־צעהלונגען וועגען דער ריידעווידיגער שלאנג אין גן עדן, וועגען משה'ס אותות ומופתים, וועגען דניאל'ן אין דעם לייבען־גרוב, וועגען יונה'ן אין דעם בויך פון דעם גרויסען ים־פיש, און אזוי ווייטער; אלץ וואונדער, און וואונדער, און נאָך אמאָל וואונדער! שמידט'ס „ביבלישע געשיכטען" זיינען אָבער געווען גוט רעדאגירט; די קינדער האָבען געליעבט די שפראך, אין וועלכער זיי זיינען איבערגעגעבען געוואָרען, און זיי האָבען הנאה געהאט פון דער אונטערהאלטונג. דעמאָלט האט מען געגען די ערצעהלונגען פון דער ביבעל ניט געקענט פיעלעס אויסזעצען, דען דער גלויבען אין וואונדער איז געווען טיעף איינגעווארצעלט אין דעם בעוואוסטזיין פון גאנצען פאָלק. ס'איז נאָך ניט ערשיענען קיין דארווין מיט זיינע טהעאָריען.

אָבער נאָך דארווינ'ן זיינען ערשיענען יערעס יאָהר נייע אויפ־

לאַנגען פון אַ בוך „צוויי מאָל צוויי-און פופציג ביבלישע געשיכטען פאַר שוהלעס און פאַמיליען", וואָס קאַלווער'ס פערלאַגס-פעראיין האָט אַרויסגעגעבען. אין די ערשטע צעהן יאָהר נאָך דאָס ערשיינען פון דאַרווינ'ס ווערק, ס'הייכט ביז אין 1869 זיינען פון דעם בוך אַרויסגעגעבען געוואָרען 211 אויפלאַגען. מען האָט עס בענוצט אַלס אַ לעהרמיטעל פאַר דעם אונטערריכט אין רעליגיאָן אין פיעלע לוטעראַנישע שוהלען פון די דייטשע שטאַאַטען און זאָגאַר אין די רעפאָרמירטע שוהלען פון אייניגע קאַנטאָנען אין דער שווייץ. אָט דאָס ביכעלע, אין וועלכען ס'ווערען איבערגעגעבען די ביבלישע וואונדער האָט אויף אַזוי פיעל נושא חן געווען בײ דער קירכע און בײ'ם שטאַאַט, דאָס מען האָט עס אין די צעהן יאָהר, ביז 1869, איבערזעצט אין ניט ווענינער ווי אין 64 שפראַכען. אַפילו אין כי־נעזיש האָט מען דאָס איבערזעצט. אין דעם ביכעל ווערען דער־צעהלט פיעל מעהר וואונדער, ווי אין דעם בוך פון קריסטאָף שמידט; מען האָט זאָגאַר די וואונדער טהאַטען פאָרגעשטעלט אין בילדער, כדי מען זאָל נאָך מעהר אַריינכאַפען אין דער נעטץ פון דער פאַנטאַזיע די בײגיגע נשמה'לע פון דעם קינד. ס'ווערט צום ביישפיעל פאָרגעשטעלט אין בילדער די רעדעווריגע שלאַנג אויף דעם עץ הדעת מיט דער נאַקעטער חוה דערנעבען, דער מלאך מיט דער פלאַמענדער שווערט ביי דער אַרויסטרייבונג פון אדם און חוה אויס דעם גן עדן, דער מבול, די דריי מלאכים ביי אברהם'ן מיט שרה'ן לאַכענדיג אונטער דער טיער, דער אונטערגאַנג פון סדום (אויף דעם בילד איז אויסגעמאָהלען אַ גראָבע פעטע פויערן-שיקסע מיט צוויי פליגעל און אויסגעשפרייטע הענד, אין וועלכע זי האַלט אַ פלאַמענדע שווערט, וואַרפענדיג איהר געגען דער אָנ-געצונדענער שטאָדט), יעקב'ס בעטרוג דורך וועלכען ער נאַרט אויס פון עשו'ן די בכורה, די זיבען מאָגערע קיה פון פרעה'ס חלום, משה מיט זיין צויבער שטעקען פאַר פרעה'ן, דער רעגען מיט מן אין דער מדבר, משה'ס וואונדער ביים פעלזען-שטיין, דער אין פייער איינגעהילטער באַרג סני, דאָס דינען צו דעם עגל, בלעם'ס ריידעוודיגע עזעל וועלכער האָט ניט געקענט געהן ווייטער

מהמת אַ מלאך פֿון גאָט איז איהם געשטאַנען אין וועג, ווי יהושע בעפֿעהלט דער זונן און דער לבנה דאָס זיי זאָלען בלייבען שטעהן אויף אַן אָרט, נתן הנביא און דער פֿאַמיליען ברעכער דוד (מען דערצעהלט די קינדער די גאַנצע סקאַנדאַליעזע געשיכטע, ווי דוד פֿערפֿיהרט דאָס ווייב, פֿון זיין גענעראַל אוריה). ס'זיינען נאָך די בילדער פֿון אליהו הנביא מיט די ראָבען ביי דעם טייך כרית, יונה הנביא ווי ער ווערט נאָך דעם וואָס ער איז געלעגען דריי טעג אין דעם בויך פֿון דעם יכ-פֿיש אַרויסגעשפּיגען אויף דער יבשה, דניאל אין דעם לייבען גרוב. אַלץ אויף אַזאַ אופֿן זיינען פֿאָרגעשטעלט אין בילדער די וואונדער פֿון דעם נייעם טעסטאַמענט.

אין פֿיעלע ערטער בענוצט מען נאָך איצט דיזען בוך פֿון וואונדער אַלס אַ לעהר מיטעל, זיין אינהאַלט ווערט געלעהרענט מיט הונדערטע טויזענדער קינדער און זאָגאַר מיט דערוואַקסענע מענשען אַלס אַ אייביגער אמת.

ניט פֿיעל בעסערע לעהר מיטלען ווערען געברויכט אין די פּראָטעסטאַנטישע שולען, אויך אין זיי לעהרענט מען מיט די קינדער די אַלע וואונדער פֿון משה'ס בעשאַפֿונגס געשיכטע און אַלע איבעריגע באָבע מעשיות פֿון דעם אַלטען און פֿון דעם נייעם טעסטאַמענט.

זאָגאַר די איי-בי-סי ביכלאַך, וועלכע מען געברויכט צו לעהרנען מיט קליינע קינדער, וואָס זיינען ניט עלטער ווי 5 אָדער 6 יאָהר, זיינען אויך בעשרענקט אויף דעם גלויבען אין וואונדער, וועלכען די וויסענשאַפֿט דאַרף דאַן אין די העכערע שולען צוריק אַרויס-שלאָגען אויס די קעפּ פֿון די סטודענטען, אויב מען וויל זייער גייסט ענטוויקלען צו זיין פֿעהיג צו בעגרייפֿען די רעזולטאַטען פֿון אמת'ער פֿאָרשונג. אין אַ איי-בי-סי ביכעל וואָס איז געברויכט גע-וואָרען אין געוויסע דייטשע שולען געפֿינט זיך אַ לעקציע אונטער דעם טיטול: „דער מענש גאָט", אין וועלכען עס שטעהט: „גאָט האָט געמאַכט דעם מענשען אויס אַ שטיק ל י י ם, און האָט איהם אַריינגעבלאָזען אַ לעבענדיגען אָטהעם ד ו ר ך ז י י ן נ אָ ז. דער מענש האָט דערפֿאַר אַ ג ו ף און אַ נ ש מ ה". די בעשאַפֿונגס

מעשה ענדיגט דאָן: „ווען די נשמה טהיילט זיך אָב פון דעם גוף איז דער מענש טויט. דער טויטער קערפער הייסט אַ בר מנן און מען בעגראָבט איהם. די נשמה קעהרט זיך צוריק צו גאָט".

די פאָלקס-שוהלען פערקריפּלען דעם גייסט פון די קינדער. משה, און משה, און נאָך אַמאָל משה, דאָס איז די גרונדלאַגע פון דעם גאַנצען אונטערריכט.

אונזערע פאָלקס-שוהלען שטעהן נאָך מיט אַ פוס אין מיטעל-אַלטער. — דאָס איז אָבער אויך נאָר אַ נאַטירליכע פאָלגע פון דער ענטוויקלונגס-געשיכטע פון די שוהלען. מען דאַרף זיך בלויז דערמאָהנען אין דעם, אַז די פאָלקס שוהלע איז אייגענטליך אַ קינד פון דער קירכע. זי איז בעשאַפען געוואָרען אין דער צייט פון דער רעפאָרמאַציאָן; נאַך דעם וואָס מען האַט ענטדעקט די בוכ דרוק-קונסט האָט מען געוואָלט פערשפרייטען אין געדרוקטע שריפטען די אמת'ן, וואָס מען האָט בעקומען דורך גאָטס וואָרט, און די וויטסטע שיכטען פון די פאָלקס מאַסען. אָבער כדי די אמת'ן פון גאָט זאָלען געלעזען ווערען האָט מען צוערשט געמוזט לעהרנען מיט די קינדער פון פאָלק שרייבען און לעזען.

אין 18־טען יאָהרהונדערט האָט מען אין די פאָלקס-שוהלען נאָר געלעהרענט די מזמורים פון דוד'ן (דעם תהילים) און דעם קריסטליכען קאַטעכיזם.

זינט דעמאָלט האָט מען זיך אָנגעפאַנגען רעכענען אין די שוה-לען אויך מיט פראַקטישע בעדירפניסע. אין אָנפאַנג פון פאָריגען (19-טען) יאָהרהונדערט האָט מען אָנגעפאַנגען אַריינדרינגען אין די פאָלקס שוהלען אויך די רעכנען קונסט און די געאָגראַפיע (די לעהרע פון דער ערד בעשרייבונג). אויך פון די נאַטור וויסענשאַפ-טען האָט מען אָנגעפאַנגען עפּעס אַריינפיהרען. אין די פינפציגער יאָהרען פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט האָט מען שוין געלעה־ענט אין די שוהלען: מען צוטהיילט די פפלאַנצען אין בוימער, קוסטאַרניקעס, קרייטיכער און גראָזען (דאָס איז געווען די צוטהיילונג נאָך אַריסטאָטעלעס'ן); ס'זיינען נאָך פאַראַן מאָך, שוועמלאַך און

פלאַקס". (אָט די קליינע אונבעדייטענדע לעקציאָנען זיינען געוועזן אַ קאָנצעסיאָן פון דער קירכע צו די פאָדערונגען פון דער נייער צייט).

אַלעס, וואָס האָט בעלאַנגט צו דאָס נייערע וויסען און ער־קענען איז אָבער אַלץ געהאַלטען געוואָרען, אויף וויפיעל עס איז נאָר מעגליך געווען, ווייט פון דער שוהלע; דאָרט וואו מען האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פערגרעסערן דעם קרייז פון וויסען האָט יעדער שריט ווייטער פערטיעפט דעם קאָנסעקווענטען ווידערשפרוך צווישען דער שוהלע און דער קירכע. אַזוי איז עס געשעהן אין פאָריגען יאָהרהונדערט און איצט קומט כמעט דאָס זעלבע פאָר. די שוהלע זוכט זיך מעהר און מעהר צו בעפרייען פון דער קירכע, מחמת די קירכע שטעהט אויף אַ פלאַץ, וועהרענד די שוהלע זייענדיג אַ לעבענספעהיגער אָרגאַניזמוס מוז זיך ווייטער ענטוויקלען. דאָס צוזאַמענווירקען הארמאָניש פון ביידע איז געוואָ־ען אַן'אונמעגליכע זאַך.

די בעפרייאונג פון דער שוהלע פון דער קירכע איז אָבער נאָך זעהר ווייט דערפון צו זיין אַ געענדיגטע זאַך. אין פראַנקרייך און איטאַליען האָט מען די שוהלע אָבגעטהיילט פון דער קירכע, אָבער גאַנץ אַנדערש איז אין דייטשלאַנד, עסטרייך, שווייץ, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער. אין דיזע לענדער פערנעהמט די רעליגיאָנס-לעהרע אַ צו גרויסען פלאַץ, מען גיט פאַר איהר אָב אַ זעהר גרויסע צייט. ס'איז אָבער אַ זינד געגען די געזעצע פון ענטוויקלונג צו לעהרנען רעליגיאָן מיט אונרייפע קינדערלאַך, אין זייערע ערשטע שוהל־יאָהרען, ווען זיי האָבען נאָך ניט די פעהיגקייט צו דענקען איבער אבסטראַקטע בעגריפע. ס'איז אַ זינד, וואָס מען פערליהרט ניט קיין געלעגענהייט אַריינצושטופען אין די מוחות פון די קינדער אַזעלכע לעהרען, וועלכע אַפילו די דערוואַקסענע מענשען קענען ניט פערשטעהן, מעגען זיי בענוצען זייער גאַנצען שכל נאָר איבער דיזע לעהרען צו דענקען. אונזערע פאָלקס-שוהלען זיינדיגען געגען דער נאַטירליכער ענטוויק־

לונג פון דעם גייסט דערמיט, וואָס זי לעה־רענט מיט די קינדער מעטאַפיזיק.

אַ גרויסע זינד בעגעהן נאָך די קריסטליכע עלטערן דערמיט וואָס זיי שיקען זייערע קליינע קינדערלאַך אין די זונטאַג שוהלען. וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? אַם זונטאַג מיטאַג-צייט ווען די קליינע קינדערלאַך וואָלטען בעדאַרפט אַרומלויפען אין דער פרייער לופט ביי דער זונען-שיין, קומען זיי אַרויס מיט בלייכע פנים'לאַך אויס דער שוהלע, און אין דער היים דערצעהלען זיי ווי ס'האָט צו'ם ביישפיעל געטראָפען אין ציריך, אַז יוחנן המטבל איז אַוועק אין דער מדבר און ביז ווען ער איז צוריקגעקומען האָבען אויסגעוואַקסען קעמעל האָר אויף זיין לייב... מען לעהרענט אין די זונטאַג שוהלען מיט די קליינע קינדער וועגען תחית המתים און ווי קלינגט עס, ווען אַ מיידעלע קומענדיג פון דער שוהלע און פערטומעלט פון די באָבע מעשיות דערצעהלט דעם פאָטער אָדער דער מוטער, אַז זי־מוז בעקומען אַ גאָר נייע הערץ.

מיר וועלען איצט צוזאַמענפאַסען, דאָס וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרען אין צוויי זאַצען, וועלכע קיין ווייסענדער און עהר־ליבער מענש וועט ניט קענען אָבלייקענען, דען זיי ענטהאַלטען אַנ'אונבעשטרייטבאַרען אמת, וואָס יעדער, יונג און אַלט קען פער־שטעהן:

1. אין די העכערע שוהלען, אין די אוניווערזיטעטען לעהרענט מען מיט די סטודענטען דעם אמת פון דער אָבשטאַמונגס לעהרע און פון די אייביגע נאַטור געזעצע, און אָט די לעהרע ערקלעהרט מען דאָרט פאַר די העכסטע.

2. אָבער אין די פאָלקס שוהלען, וועלכע ווערען אויפגעהאַל־טען פון דעם זעלבען שטאַאַט, וועלכער האַלט אויף די אוניווער־זיטעטען, ווערט געלעהרענט די דריי טויזענד יאָהריגע באָבע מעשה, משה'ס בעשאַפונגס געשיכטע; און דער גרויסער טעות, וועלכער ווערט אָבגעלייקענט פון אַלע ווייסענשאַפטען וואָס בע־שעפטיגען זיך מיט דער לעבעדיגער נאַטור, ווערט ערקלעהרט אַלס אַנ'אמת.

דאָס איז אַ שוידערליכער, אונמאָראַלישער, ניט אויסגעהאַל־טענער צושטאנד.

ס'זיינען ניט פֿאַראַן קיין צווייערליי אמת'ן, פֿון וועלכע איינער איז גוט נאָר פֿאַר די אוניווערזיטעטען און דער אַנדערער איז גוט פֿאַר דער פֿאָלקס שוהלע.

ס'איז נאַר דאָ איין אמת און ער איז גוט פֿאַר אַלע.

די נאַטור — די וועלט האָט ניט קיין בעזונדערע געזעצע פֿאַר די חכמים, פֿאַר די פֿאָרנעהמע אַרבייטער אין די ווערקשטאַ־טען פֿון דער וויסענשאַפֿט, פֿאַר די פּראָפֿעסאָרען און פֿאַר די סטודענטען פֿון דער אוניווערזיטעט; די נאַטור — די וועלט האָט אויך ניט קיין בעזונדערע געזעצע פֿאַר די קינדער פֿון פֿאָלק, פֿאַר דעם געוועהנליכען אַרבייטענדען און זאָרגענדען בירגער,

ס'איז ניט פֿאַראַן אַ בעזונדערער אמת פֿאַר די גרויסע פֿון דיזער וועלט און אַ בעזונדערער אמת פֿאַר די אָרימע און פֿער־אַכטעטע פֿון אונזער צייט.

אונזער ערד דרעהט זיך יעדען טאָג אַרום איהר אייגענער אַקסע און וואַנדערט יעדעס יאָהר אַרום דעל זונן; מיר אַלע, אַלע — רייך און אָרים, גרויסע און קליינע, געלעהרענטע און פּראָסטע — וואַנדערן צוזאַמען מיט איהר. קאָפּערניקוס האָט דיזען אמת ניט איבערגעלאַזען צו דעם צוועק, אַז מען זאָל איהם בלויז לעהרנען אין די העבר״ע שוהלען, וועה״ענד אין די פֿאָלקס שוהלען זאל מען גראַדע דעם נעגענזאַץ ערקלעה״רען פֿאַר אַ ענטפּלעקטען אמת פֿון גאָט אַליין. די מעשה וועגען דאַס אָבשטעלען די זונן אין גבעון און די לבנה אין דעם טהאָל אילון איז פֿון דער אַסט־אָנאָמיע ער־קלעהרט געוואָרען אַלס טעות פֿאַר דער גאַנצער דענקענדער וועלט.

אויב די וועלט האָט אַנערקענט קאָפּערניקוס'ס אמת, דאַן מוז ז' איהם אַנערקענען אַלס נוצליך פֿאַר אַלע שטופֿען פֿון דער שוהלע, און דאַרף ניט דולדען, אַז די צווייערליי שוהלען, די העבר״ע און די נידעריגערע זאָלען ניט גלייך בעהאַנדעלט ווערען; זי דאַרף ניט דולדען דאָס מען זאָל אין איינע׳ לעהרנען דעם אמת און אין דער

אַנדערער דעם טעות. ס'איז אַ גרויסע אונגערעכטיגקייט דאָס מען זאָל געבען דער פאָלקס שוהלע שטיינער אַנשטאָט ברויט.

אין דאָס אַנערקענען פון דיזען ווידערשפרוך — אויבען אמת, אונטען טעות — ליגט דער וועג ווייזער וואָס דאַרף צייגען ווי ווייטער צו ענטוויקלען די שוהלען.

מיר זיינען איבערצייגט, אַז קיין אמת'ר פערדאַגאָג וועט דאָס ניט אָבלייקענען.

מיר האָבען גערופען דעם געגענווערטיגען צושטאַנד אונמאָראַליש און ניט אויסגעהאַלטען. מיר זיינען גאַנץ זיכער, אַז דיזע אָנקלאַגע וועט ניט אויפרייצען נאָר די כלי קודש זאָנדערן אויך פיעלע לעהרער פון די פאָלקס שוהלען און זיי וועלען פאָרדערן, דאָס מיר זאָלען בעגרינדען די אָנקלאַגע. מיר וועלען עס מאַכען בקיצור:

די אָבשטאַמונגס לעהרע ווערט ניט נאָר פריי בעקענט אין אַלע העכערע שוהלען פון אַלע אַקאַדעמישע לעהרער, זאָנדערן זי ווערט אויך פערשפרייט אַלס אַנ'אמת צווישען פאָלק פון אַלע אונטערהאַלטונגס און בעלעהרענדע צייטשריפטען, זאָגאַר אין אַלע גרויסע צייטונגען, שוין אָבגערעדט פון ביכער.

יעדער געבילדעטער מענש, וועלכער האָט זיך בעקענט מיט די ענטדעקונגען פון די נאַטור-פאָרשער, און וועלכער האָט זיך בעפרייעט פון די שטריק פון דעם גלויבען און האָט אָנגעפאַנגען זעלבסטשטענדיג צו דענקען, איז געוואָרען, דורך דער טעגליכער פרעסע און דורך דער לייכט פערשטענדליכער ליטעראַטור, אַנ־אָנהענגער פון דער אָבשטאַמונגס לעהרע. די זעלבע מענשען דולדען אָבער, אַז מען זאָל מיט זיינע קינדער לעהרנען אין דער שוהלע דעם טעות, דעם געגענזאַץ פון דעם וואָס ער האָט אַנערקענט פאַר אמת.

ווי? די ערוואַקסענע וועלכע שפייזען זייער גייסט מיט דעם ברויט פון'ם אמת געפינען עס פיר רעכט, אַז די קינדער זאָלען אַנשטאָט ברויט איינשלינגען „ליים"?

דאָס איז אַ עפּענטליכער בעטרוג, אַ זינד געגען דער נאַטור פון דער מענשהייט!

און ס'איז אונמאָראַליש אָנצוגעבען בעוואוסטערהייט אַ אַנערקענטען טעות פאַר אַן אמת.

דאָס זאָגען מיר ניט נאָר די עלטערן, זאָנדערן אויך די לעהרער, וועלכע ערנידעריגען זיך צו לעהרנען אין דער שוהלע, געגען זייער איבערצייגונג, טעות'ן פאַר הייליגע אַמת'ן. מיר זאָגען גאַנץ אָפען צו די, וועלכע פערוואַלטען איבער די שוהלען: ס'איז אַ זינד געגען דער הייליגער אויפגאַבע פון דער שוהלע, דאָס לעהרער און שיהלער זאָלען געצוואונגען זיין צו פערברייננען זייער טהייערע צייט אין לעהרנען אַנערקענטע טעות'ן, פאַלשקייטען און ליגענס.

פאַר יעדער זינד ווערט בעצאָהלט אויף דער ערד.

די שלעכטע פאָלגען וועלען ניט אויסגעמיידעט ווערען. מיר זעהן זיי שוין פאַד אונז, די שלעכטע פאָלגען זיינען שוין דאָ.

ווען דאָס קינד פערלאָזט די שוהלע און ווען ס'טרעט אַריין אַלס דערוואַקסענער מענש אין לעבען, אין יענעם מעכטיגען קאמפף אום דאָס דאַזיין, וואו אַ דאַנק דער אייביגען נאַטור געזעץ זיעגט דאָך דער אמת איבער דעם ליגען, מחמת דער אמת איז מעכטיגער ווי דער טעות, ער לעבט אייביג, ווערהענד דער ליגען האָט אַ קורצען לעבען, ער האָט קיין מאָל ניט אַנ'אייביגען דויער — מיר זאָגען: דאָס ווען דער דערוואַקסענער מענש טרעט אַריין אין לע־בען, דאַן מוז ער תיכף בעמערקען, דאָס מען האָט איהם געלעה־רענט מיט אַבזיכט (יאַ מיט אַבזיכט!) אין דער פאָלקס שוהלע טעות'ן אַנשטאָט אמת'ן.

דאַן לעבט ער דורך גרעסערע אָדער קליינערע זעעלע קעמפפע. מיט וויפיעל די טעות'ן האָבען זיך טיעפער איינגעוואָרצעלט אין דער יונגער נשמה, מיט וויפיעל זיי האָבען מעהר אריינגעדרונגען אין דעם פלייש און בלוט פון דעם מענשען, דעסטאָ שרעקליכער וועלען זיין די זעעלען קעמפפע מיר ריירען אוים ערפאַהרונג און מיר ראַבהען אַלע אינטעליגענטע מענשען פון אַלע פעלקער, דאָס

זיי זאָלען ניט גלייכגילטיג אַריבער־געהן איבער אַזעלכע געשעהעניסע און פערהעלטניסע.

דער צווייפעל געווינט די אויבערהאַנד. דער צווייפעל גופא האָט אין זיך עפּעס גוטעס, דען ער איז די קוועלע אויס וועלכער ס'פליסט אַרויס דער אמת. דערמיט איז אָבער ניט געזאָגט, אַז ס'איז גוט וואָס מיר לערנען מיט אַבזיכט טעותן אין דער שוהלע, כדי דער צווייפעל זאָל פון זיך אַליין ענטשטעהען און ס'זאָל פון איהם אַרויסקומען דאָס גוטע, דאָס ריכטיגע, דער אמת און דאָס ליכט. ניין! פון דער־ ערקענטניס, אַז די פאָלקס שוהלע גיט אין איהר אונטערריכט שטיינער אַנשטאָט ברויט שפּראָצט אַרויס אַ מיסטרויען, אַ חשד געגען דעם ווערטה און נוצען פון דער שוהלע און דיזער חשד פערשפּרייט זיך אין אַלע ווינקעלאַך, ביי די וועלכע שטעהן פאַר דעם אַלטאַר און פרעדיגען און ביי די, וועלכע זיצען אויף די שטוהלען פון ריכטער און משפּט'ן.

דאָס נעכסטע, דאָס נאַטירליכסטע, די פאָלגע דערפון איז, דאָס מען פערוואַרפט אַלע אַני מאַמין'ס, וועלכע מען האָט געלעהרענט אין דער שוהלע, און ס'געהן דערביי אויך צו גרונדע די מאָ־אַל און די עטהיק, וואָס זיינען געווען פערבונדען מיט דיזע אַני מאַמין'ס. ס'פערשווינדעט יעדער גלויבען אין דעם אמת און ס'נעהמט אַ סוף פון דעם צוטרויען צו דעם שטאַאַט, צו דער רעליגיאָן און צו דער שוהלע.

ס'קלאָגען ניט נאַכהער נאָר די פרעדיגער פון דער קירכע, איבער דעם וואָס זיי מוזען זאָגען זייערע תפלות פאַר לעדיגע היי־ זער, זאָנדערן ס'קלאָגען אויך אַלע אמת'ע מענשען פריינד איבער דעם מאַנגעל און טרייהייט צו דער איבערצייגונג, איבער דעם מאַנגעל אין מוטה און ענטשלאָסענהייט, איבער דעם מאַנגעל אין כאַראַקטער פעסטקייט, איבער דעם מאַנגעל אין טוגענד און זיט־ ליכקייט

אָט צו דעם זיינען מיר געקומען אין דיזער טרויעריגער אי־ בערגאַנגס צייט צווישען דעם פערשימעלטען גלויבען פון מיטעל־ אַלטער און דער נאַטור וויסענשאַפטליכער אויפקלעהרונג. מיר שטעהן

איצט אין מיטען פֿון דעם קאַמפּף צווישען גלויבען און וויסענשאַפֿט, צווישען דעם טראַדיציאָנעלען איבערגעגעבענעם טעות און דעם דורך מיה ערפֿאָרשטען אמת; די אַלגעמיינע ערשיינונגען פֿון אונזער צייט צייגען אונז אַ בילד פֿון אַ כאַאָסדיגער פֿערווירונג און צוקוקענדיג זיך צו דעם בילד ווערט דער גייסט פֿון דעם פֿריינד פֿון אמת אָנגעפֿילט מיט פֿרייד און מיט וועהטאָג.

דער כאַאָס איז דאָ — דאָס נייע קעמפּפֿט געגען דאָס אַלטע. מיר שטעהן אין אַ שרעקליכען שטורם, ווען די ווינטען דרעהען זיך און בלאָזען אין אַלע זייטען מיט גרויסער קראַפֿט. וואָלקענס האָבען זיך פֿערזאַמעלט אויף דעם האָריזאָנט און זיי זיינען פֿערטיג אויסצוגיסען זיך איבער אונזערע קעפּ. בליצען צוקען און דער האָגעל האָט שעהנע פֿעלדער פֿערוואַנדעלט אין מדבריות. אָבער נאָך יעדען שטורם ווערט די לופֿט ריינער. מיר דאַרפֿען ניט פֿערצווייפֿלען.

אַ שווערער שוואַרצער וואָלקען פֿול מיט גרויסע געפֿאַהרען איז דער ווידערשפּרוך פֿון די וועלט אַנשויאונגען, וועלכע האַלטען זיך אויף אין דעם זעלבען פּלאַץ פֿון אונזער גייסטיגען לעבען: אין דער פֿאָלקס שוהלע; ס'איז דער ווידערשפּרוך וואָס לאָזט זיך ערקלעהרען אין די ווערטער: אויבען אמת — אונטען טעות!

אָט דיזער ווידערשפּרוך איז די געגענוואַרטיגע קלאָג פֿון דער פֿאָלקס שוהלע, אין איהם ליגט די אורזאַך פֿאַר וואָס די מאָדערנער שטאַאַטס-שוהלע לייסטעט אַזוי ווייניג צו דער גייסטיגער ענטוויקלונג, און צו דער ערציהונג פֿון פֿרייע בעוואוסטזיניגע בירגער.

די שטאַאַטליכע פֿאָלקס שוהלען פֿון די מעהרסטע אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע קולטור שטאַאַטען זיינען טהאַטזעכליך געבליבען אונבעריהרט פֿון די גרויסע פֿאָרטשריטע פֿון דער נאַטור וויסענשאַפֿט, אין פֿילע פּלעצער זיינען זיי זאָגאַר אַראָבגעזונקען צו אינסטיטוציאָנען, וועלכע ווירקען געגען דער גייסטיגער בעפֿרייאונג פֿון דער מענשהייט. די אורזאַך דערפֿון ליגט אויף איין זייט אין דער מאַנגעלהאַפֿטער בילדונג פֿון אונזערע פֿאָלקס-לעהרער און אויף דער צווייטער זייט אין דער הערשאַפֿט פֿון דער קירכע איבער דער שוהלע.

כדי געזונד צו מאַכען דעם פיזישען קערפּער פון דעם פאָלק, דע־מאָלט ווען ער ווערט קראַנק, האָבען די קולטור שטאַאַטען נעשאַפען וויסענשאַפטליכע שוהלען, אין וועלכע די אַרצטע און די היגיעניקער (קענער פון פערהעלטניסע וועגען געזונדהייט) האָבען צו שטודירען ביי מענשען. מען האָט אויפגעבויעט די טהייערסטע לאַבאַראַטאָרען, מיט אַלע נייטיגע אינסטרומענטען און אַפּאַראַטען; די גרעסטע געלעהרטע זיינען אָנגעשטעלט געוואָרען, דאָס זיי זאָלען ערקלעהרען פאַר די סטודענטען די כודות פון אַ געזונדען און פון אַ קראַנקען קערפּער. און די נאַטור געזעצע, וועלכע פעראורזאַכען געזונד אָדער קראַנקהייט דיזע אַנשטאַלטען זיינען אַ שטאָלץ פאַר די נאַציאָנען און אַ ברכה פאַר די פעלקער.

אָבער פאַר דער גייסטיגער געזונדהייט פון דעם פאָלק, פאַר דער פפלעגע פון דער נאַטור מעסיגער פסיכישער ענטוויקלונג פון די יונגע דורות האָט דער שטאַאַט ביז איצט נאָך גאָר ניט אָנגע־פאַנגען צו זאָרגען. די לעהרער פון אונזערע קינדער, די שאַף־מייסטערס פון דאָס טהייערסטע וואָס אַ נאַציאָן בעזיצט, די לעה־רער פון דער פאָלקס שוהלע ווערען געהאַלטען וויט פון די קוועלען פון דער וויסענשאַפט. די סעמינאַריומס, די שוהלען פאַר די לעה־רער זיינען אינסטיטוציאָנען פון גייסטינער פערדומונג.

מיר זאָגען, דאָס אַ גוט אונטעררי כטעטער פאָלקס לעהרער, וועלכער איז גוט בעקאַנט מיט נאַטור וויסענשאַפט וואָלט אין דעם געקומענעם פריהלינג ניט אַזוי געמיין עקספערימענטירט מיט דעם בילדונגספעהיגען גייסט פון דעם קינד, ווי ס'געשעהט איצט אין טויזענדער און טויזענדער שוהלען, וועלכע ווערען אויפגעהאַלטען אויף די הוצאות פון שטאַאַט. וואָס פאַר אַ אוצר פון אמת'ר וויסענ־שאַפט וואָלט געקענט איינגעפפלאַנצט ווערען אין די מוח'לאַך פון די יונגע קינדערלאַך אין די פאָלקס שוהלען, ווען יעדער לעהרער זאָל זיין גוט בעקאַנט מיט די בלומען פון פעלד און מיט די חיות פון וואַלד! אַי, וואָלט דאָס געווען אַ לעבען, ווען דער וויסענדער לעהרער וואָלט דורכשפּאַצירט מיט זיינע שיהלער אין מאַי אָדער אין יונגי דורך דעם פעלד און וואַלד, וואו יעדע בלום ענטפלעקט

איהר אמת, יעדעס גרעזעלע רעדט איהר שפּראַך, יעדע געשעהעניס דעקט אויף אַ הייליגען גייסט, און יעדער ליכט-שטראַהל צייגט אַ וועג אין דער פראַכטפוללער נאַטור!

מען האַלט אָבער דעם לעהרער פון דער פאָלקס שוהלע ווייט פון די וויסענשאַפטליכע אינסטיטוציאָנען. דער דאָקטאָר, דער אַד־וואָקאַט, דער אינזשיניר, דער כעמיקער, דער גערטנער, די צאָהן קינסטלער, דער טהיער-אַרצט, דער שוישפּיעלער און זאָגאַר דער מאשין מייסטער פון אונטער די קוליסען, זיי אַלע לאָזט מען שטו־דירען אין די העכסטע שוהלען פון דעם לאַנד און מען בעקענט זיי מיט דער ווירקליכער וויסענשאַפט, נאָר די לעהרער פון די פאָלקס שוהלען גיט מען נאָך די וואַסערדיגע זופּ פון דער סעמי־נאַריש-קירכערליכער חכמה.

ס'לינט אַ סיסטעם אין דעם! ס'איז אָבער אַ שעדליכער סיס־טעם. דורך איהם קען מען ווייטער לעהרנען אונטען דעם טעות וועהרענד אויבען בליהט דער אמת. יעדער ליגנערישער סיס־טעם פיהרט אָבער אין אַ מאָראַלישען זומפּף.

מיר האבען מיט אונזער פּרינציפּענלאָזיגקייט געבראַכט אַזוי ווייט, דאָס אין פערשידענע פּלעצער הערט זיך דער רעאַק־ציאָנערער געשריי: „נידער מיט דער נאַטור-לעהרע! אין דער שוהלע דאַרף מען נאָר לעהרנען: לעזען, שרייבען, רעכענען און אין גאָט גלויבען! ווי קומט עס, דאָס אַזא געשריי זאָל זיך קענען ער־הויבען איצט, אין דער פּעריאָדע פון דער נאַטורפאָרשונג? — די גרעסטע צאָהל קינדער פון פאָלק בעקומען זייער גאַנצע לעהרע אין דער פאָלקס שוהלע. און מען וויל אַז זיי אַלע, דיזע צוקונפטיגע טהעטיגע בירגער פון דעם שטאַאַט זאָלען גאָר ניט ערפאַהרען פון דער נאַטור וויסענשאַפט; זיי זאָלען בלייבען אונוויסענד איבער די געגענשטענדע פון דער וועלט און איבער די געזעצע פון דער נאַטור, כדי זיי זאָלען אַלץ מעהר און מעהר גלויבען אין די פער־שפּרעכונגען וועגען אַ יענער וועלט. צוריק צו קעהרען זיך אין דעם מיטעלאַלטער! צוריק צו קעהרען זיך, אויב מעגליך, אין דער „גו־טער אַלטער צייט” פון גלויבען אין כשוף, ווען מען פלעגט פער־

ברענען די פריינד פון דער נאַטור אַלס אפיקורסים און מען פלעגט דערוואַרגען קינדער פאַר „מאַכען פייגעל" — אָט דאָס איז דער וואונש פון די פרומע רעאַקציאָנערע נשמות.

אָבער וואַרט! אויב אַזאַ געשריי קען זיך איצט ערהויבען און ווערען מעכטיג מוזען דאָך גאַנץ געוויס זיין נאַטירליכע אורזאַכען וואָס ערמעגליכען דאָס. לאָמיר זיין עהרליך און זאָגען, דאָס אין געוויסע פלעצער וואָלט בעסער געווען, ווען מען וואָלט אין דער פאָלקס שוהלע גאָר קיין נאַטור וויסענשאַפט ניט געלעהרענט, דען דער אונטעררינכט אין נאַטור וויסענשאַפט, וואָס ווערט איצט דאָ־ט גע־געבען, איז זעהר אַ טרויעריגער און אַ בעשרענקטער. ווער עס האָט אַליין ניט געהאַט קיין געלעגענהייט אַריינצודרינגען אין דער וויסענ־שאַפטליכער אַרט פון דער נאַטור ערקענטנים, ווער ס'האָט, דורך מאַנגעל און אַ ענטשפּרעכענדער בילדונג, ניט געקאָנט ווערען קיין בעגייסטערטער פריינד פון די נאַטור־וויסענשאַפטען, דער וועט ניט קענען זיין קיין גוטער לעהרער אין נאַטור געשיכטע. ס'העלפען ניט אין אַזאַ פאַל די בעסטע לעהר מיטלען אַלע אַפּאַראַטען און זאַמלונגען פון נאַטור געגענשטענדע. ווען דער לעהרער האָט ניט אין זיין האַרץ ליבע און בעגייסטערונג וועגען זיין פאַך דאַן וועט די לעהרע אין דעם פאַך זיין זעהר בעשרענקט, זי וועט ברייגנען שלעכטע פרוכטען, מען וועט פערלירען אָהן נוצען וועגען איהר, פיעל צייט און פיעל מיה.

יאַ, ס'איז זעהר טרויעריג מיט דער פאָלקס שוהלע און ס'וועט אַלץ טרויעריג זיין: ביז די לעהרער וועלען ניט בעקומען אַ בע־סערע בילדונג, וואָס זאָל זיין מעהר צוגעפּאַסט צו די נויטווענדיג־קייטען פון דער צייט; ביז מען וועט ניט אָנפאַנגען לעהרנען אין די שוהלען דעם אמת אַנשטאַט די טעית'ן; ביז מען וועט ניט העלפען די שיהלער ענטוויקלען זייערע חושים, דאָס הייסט די אברים, דורך וועלכע דער מענש שטעהט אין פערבינדונג מיט דעם וואָס קומט פאָר אין דער אויסערליכער וועלט; ביז מען וועט ניט לעהרנען ריכטיג צו ב ע א ב אַ כ ט ע ן, ריכטיג צו ד ע נ ק ע ן, ריכטיג צו פ ע ר ש ט ע ה ן, כדי ער זאָל קענען וואַקסען אין קערפּער און אין גייסט ווי אַ בלום.

ס'ערהויבען זיך אויך איבעראַל שטימען, וועלכע פֿאָדערן דאָס ריכטיגע, דאַס שכל'דיגע: די פֿאָלקס שוהלע זאָל טהון אַלעס וואָס איז איהר מעגליך, כדי בעקענט צו מאַכען די קינדער מיט אַלע ערשיינונגען פֿון דער וועלט, דאָס זיי זאָלען ווערען פֿעהיג צו גע־געפֿינען גליקזעליגקייט אין דיזער וועלט.

מיר זיינען שוין צום שלוס און מיר ווען דאָ אָנצייגען די רעפֿאָרמען וועלכע וואָלטען בעדאַרפֿט דורכגעפֿיהרט ווערען בנוגע די שוהלען:

1. יעדער סעקטאַרישער רעליגיעזער אונטער־ריכט זאָל וועגען דעם רעליגיעזען פֿרידען אָב־געשאַפֿט ווערען פֿון די שטאַאטליכע שוהלען.

די רעליגיאָן איז דאָס פּריוואַט אייגענטהום פֿון יעדען איינ־ציגען און דער שטאַאט האָט זיך אין דעם ניט צו מישען און ניט צו קימערן. זי איז אַ פֿראַגע פֿון דעם האַרץ און ס'דאַרף איבערגעלאָזען ווערען פֿאַר יעדען איינעם צו פֿערענטפֿערן די פֿראַגע ווי ער פֿערשטעהט. דער גייסט אָבער, דער קאָפּ פֿון דעם בירגער, דאָס איז דער אייגענטהום פֿון דעם שטאַאט, דאָס איז דער גרויסער פֿערמעגען פֿון דער געזעלשאַפֿט. און צו פּפֿלעגען און ווייטער צו ענטוויקלען דעם גייסט איז די אויפֿ־גאַבע פֿון דעם שטאַאט.

דאָרט, וואו ס'איז נאָך ניט מעגליך שוין אַוועקצומאַכען דעם גאַנצען רעליגיעזען אונטערריכט, זאָל מען פֿאָרדערן צום וועניג־סטענס אַלס אַ איבערגאַנגס מיטעל, אַז מען זאָל אַוועקמאַ־כען מיט דאָס לעהרנען משה'ס בעשאַפֿונגס גע־שיכטע, וועלכע איז דורכאוים אַ טעות. אין דער פֿאָלקס שוהלע זאָל מען לעהרנען דעם אמת און נאָר דעם אמת.

2. אַלע לעהרער פֿון די פֿאָלקס שוהלען זאָלען בעקומען אַ גרינדליכע נאַטור-וויסענ־שאַפֿטליכע בילדונג, כדי זיי זאָלען זיין פֿעהיג צו געבען די קינדער אַ אונטערריכט אין דער נאַטורלעהרע, וואָס זאָל זיין

בעגרינדעט אויף בעאָבאַכטונגען און עקספרימענטען, ס'הייסט אויף ערפאַהרונג און ניט בלויז אויף טהעאָריע. זיי זאָלען אויך האַלטען עפענטליכע פאָרטרעגע, אין וועלכע זיי זאָלען בעקענען די דערוואַקסענע מענשען מיט די וויכטיגסטע פאָרטשריטע פון דער נאַטור וויסענשאַפט. יעדער בירגער און בירגערין זאָלען האָבען פרייעס צוטריט צו דיזע פאָרטרעגע.

דיזע פאָרדערונג וועט ערשט ערפילט ווערען ווען מען וועט אָבשאַפען די סעמינאַריומס, די שוהלען פאַר לעהרער, וועלכע זיינען געגרינדעט אויף אַ קירכערליכער מיטעלאַלטערליכער סיס-טעמע אין מען וועט די לעהרער פאַר די פאָלקס שוהלען לאָזען וויסענשאַפטליך בילדען אין די אוניווערזיטעטען.

3. אויף דעם פלאַץ פון דעם שטאַאַטליכען, סעקטאַרישען רעליגיעזען אונטערריכט זאָל מען געבען אַן'אונטערריכט אין עטהיק און מאָראַל, וואָס זאָל זיך שטיצען אויף אַ נאַ-טור וויסענשאַפטליכען באַזיס.

אויס דעם אייביגען אמת פון דער פאָרווערטס געהענדער ענטוויקלונג ערשיינט — ניט געזוכטערהייט, פאַר דעם וויסענ-דען — און אַלע לעהרער זאָלען זיין נאַטור וויסענדע — דער וועג, וועלכער פיהרט צו דער דערגרייכונג פון אַ העכערער גליקזעליגקייט און פון אַ אמת'ר טוגענד. ס'איז אַ משוגענער פאַנאַטיזמוס, וואָס קומט אַרויס פון ניט קענען און ניט וויסען די ווירקליכע פערהעלטניסע, צו בעהויפטען, אַז העכערע קענ-טעניסע אין דער נאַטור וויסענשאַפט מוזען פיהרען צו דעם אונטערגאַנג פון דער מאָראַל. גראַדע דער הפוך איז ריכטיג: די זאגענאַנטע מאָראַל, וואָס געהט געגען די געזעצען פון דער נאַטור — און אַלע רעליגיעזע מאָראַלען טהון דאָס — איז ניט דאָס וואָס זי בעהויפטעט צו זיין, איז ניט קיין מאָראַל, פערקעהרט זי איז אונמאָראַל. די זיטליכקייט פון דער מענשליכער געזעל-שאַפט וועט ערשט דאַן קענען מאַכען ווירקליכע פאָרטשריטע ווען די גאַנצע עטהיק, די גאַנצע לעהרע וועגען מאָראַל וועט

זיין געבויעט אויף די יסודות פֿון דער ענטוויקלונגס-לעהרע.

4. אַלע לעהרען אין די שטאַאַטליכע פֿאָלקס שוהלען זאָלען זיין אין אָנקלאַנג מיט די טהאַטזעכליך ערפֿאָרשטע געזעצע פֿון דער נאַטור. אין אַלע פֿערשיעדענהייטען זאָל הערשען די איינהייט פֿון דעם אמת.

ס׳זאָל ניט געלעהרענט ווערען אונטען דער גלויבען אין וואונדער און אויבען די נאַטור געזעצע און די אייזערנע נאַטור נויטווענדיגקייטען.

אין אַלע געגענשטענדע און ערשיינונגען הערשט דאָס געזעץ, די אָרדנונג. דער גלויבען אין וואונדער איז די לעהרע פֿון געזעצ־לאָזיגקייט, פֿון ברעכען די געזעצע פֿון דער נאַטור, פֿון אונ־אָרדנונג, פֿון וועלכע דאָ נאַטור וויסענשאַפֿטליכע דיסציפלין ווייסט קיין שום זאַך ניט. דער גלויבען אין וואונדער האָט אין דער צו־קונפֿטיגער שוהלע גאָר קיין פלאַץ ניט מעהר, און די פֿאָלקס שוהלען וועט ערשט דאַן, יאַ ערשט דאַן, דערגרייכען די די שטופֿע צו ברייגען ווירקליכע געזונטע נוצען, ווען זי וועט פֿערוואַרפֿען דעם גלויבען אין וואונדער, ווען זי וועט איהר גאַנצע קראַפֿט אָנווענדען צו דער הויכער אויפֿגאַבע צו מאַכען פֿון די יונגע וועלט-בירגער אַזעלכע מענשען, וועלכע זאָלען ריכטיג זעהען, שאַרף הערען, לאָגיש דענקען, פֿערנונפֿטיג בעאָבאַכטען, אַנער־קענען די געזעצע פֿון דער נאַטור און האַנדלען נאַטורמעסיג און אַנשטענדיג. אַז דאָס וועט ניט פֿיהרען צו קיין אונמאָראַלישע טהאַט, אין דעם איז פֿעסט איבערצייגט יעדער נאַטור פֿאָרשער, וואָס האָט זיך געגומען די מיה אַריינצודרינגען אין דעם גייסט פֿון דער ענטוויקלונגס לעהרע. פֿערקעהרט די אידעאַלען, שטרעבונגען און טהאַטען פֿון די מענשען וועלען דורך דעם עדעלער און פֿיינער ווערען. די ענטוויקלונגס לעהרע איז אַזוי רייך אין אמת׳ע וויט־ועהענדע און ערהויבענדע בליקען, זי איז אַזוי רייך אין פֿער־שפרעכונגען וועגען אמת׳ר גליקזעליגקייט, דאָס קיין פֿריהעריגע וועלט אַנשויאונג קען זיך ניט מיט איהר פֿערגלייכען. עס ליגט

ניט איהר קיין שוואַכע האָפֿנונג אויף אַ זאַך, וואָס קיין מענש האָט ניט געזעהן און וואָס קיינער ווייסט ניט צו עס קען עקזיסטירען, זאָנדערן די זיכערהייט אין דעם פֿאָרטשריט צו אַ גרעסער גליק, יענע זיכערהייט וואָס שטיצט זיך אויף דער מאַטעמאַטישער אויסרעכנונג פֿון די פֿערגאַנגענהייט און געגענוואַרט פֿון דער לעבעדיגער און טויטער נאַטור.

ס'וואָלט געווען קינדיש, ווען מען זאָל ערקלעהרען, אַז די קליינע קינדער וועלען ניט פֿערשטעהן דעם „דאַרוויניזמוז" און ס'איז אוננוצליך זיי איהם צו לעהרנען. ווער האָט געדענקט בשעת דער קאָפּערניקאַנישער געדאַנק האָט געזיגט אין דער קריסטליכער וועלט, אַז קליינע קינדער וועלען איהם קענען פֿערשטעהן? און דאָך איז היינט צו טאָג קאָפּערניקוס און ניט משה דער אַסטראָנאָם פֿון דער שוהלע. געוויס וועט קיין לעהרער גיט איינפֿאַלען צו לעהרנען מיט אַ 9 אָדער 7 יאָהריגעם קינד די מאַטעמאַטישע געזעצע פֿון דער פּלאַנעטען בעוועגונג; מען לעהרענט די שיהלער אין אַ ריכ־טיגער שוהלע גענוי דאָס, וואָס איז צוגענגליך צו זייער אויפֿפֿאַ־סונגס קראַפֿט; מען לעהרענט אָבער אין ערגעץ ניט אין דער ערשטער קלאַסע אַז 2 מאָל 2 איז 5, אָדער אַז 1 און 3 איז דאָס זעלבע, כדי צו דאַרפֿען מיט איינינע יאָהר שפּעטער דיזע טעות'ן אַרויסיאָגען פֿון די קעפּ און לעהרנען די ריכטיגקייט, אַז 2 מאָל 2 איז 4 און אַז 1 און 3 קענען קיין מאָל ניט זיין גלייך. אין דער מאַטעמאַטישער לעהרע פֿון אַלע קלאַסען הערשט איינהייט און אמת, פּעדאַגאָגישע מעטהאָדע און געזונטע לאָגיק.

מען דאַרף אָרגאַניזירען אַלע לעהרען פֿון אַלע קלאַסען, פֿון אַלע שטופֿען אויף דעם זעלבען מעטהאָדישען און פֿערנונפֿטיגען אופֿן, דאַן וועט די ענטוויקלונגס לעהרע זיך אַליין איינפּפלאַנצען אין דער נשמה פֿון דעם מענשען אַלס אַ צייטיגע פֿרוכט פֿון זיין ווייסען. ס'איז גאַנץ גלייכגילטיג אויף וואָס פֿאַר אַ שוהל שטופֿע דאָס וועט געשעהן.

דער עיקר איז: ס'מוז געשעהן און ס'וועט געשעהן.